הײַנט בױמער: | דער ענטפער — פון ד"ר י. ראָזענבלאַט | אין די צװאַנגען מיט אַדאָלף היטלער — פון ד"ר יהושע טהאָן | איז ים פון אַנטיסעמיטיזם — פון יוסף האַלענדער | חוזק — הומאָר, סאַטירע, קאַריקאַטור. „מיין ערב קאַרנאַװאַל" (אַקטועלער פעליעטאָן) פון י. אַבערזשאַנעק

אַרטיקלען און פעליעטאָנען פון: י. ב. בערקאָװיטש, דר. ה. רוזשאַנער, דר. ז. קדיש, י. פּרושינאָװסקי, מ. פראַנקענטאַל א. אַנד.

Lodzer Tageblat № 297

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פּרײַז 30 גראָשען

לאָדזשער טאַגעבלאַט

הײַנט 12 זײַטן

רעד. קאַנ. און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָװער 16.
טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047.

פרײַטאָג, פּ' װיגש ו' טבת תרצ"א | 26 grudnia 1930 r. | 23-טער יאָהרגאַנג

נאָך קורצע און שװערע לײַדן איז געשטאָרבען אין עלטער פון 54 יאָהר מײַן ל. מאַן און מײַן הײסגעליבטער פאָטער

נ"ע שמואל לײב ב"ר יצחק אײַזיק ז"ל באַקאַלטשוק

די לויה איז פאָרגעקומען נעכטען ה' טבת תרצ"א (25.12) פון טרויער-הויז צעגעלניאַנאַ 66, װעגען װאָס עס טײַלט מיט אין גרױס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

אַלע, װאָס האָבען אַנטײל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען און הײסגעליבטען

נ"ע שמואל לײב באַקאַלטשוק

דריקט אויס דעם טיפסטען דאַנק

די פרוי און זוהן.

Z intencji zaręczyn panny
Edwardy Krakauerówny z panem **Maurycym Kwiatem,**
córki Prezesa honorowego naszego cechu
składa najserdeczniejsze życzenia
Zamiast kwiatów składamy zł. 50 na rzecz „Domu Sierot", Zgierska 40.

Zarząd cechu fryzjerów
w Łodzi, Piotrkowska 85.

פּעראײניגטער שקל-קאָמיטעט אין לאָדז

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שקל-אַקציע קומען פאָר פאָלגענדע פערזאַמלונגען:

פרײַטאָג 26.12, 6 אָװענד פאַר די מיטגלידער פון „גורדוניה" אין לאָקאַל שענקעװיטש 3/5
מוצ"ש. 27.12 6 אָװ. פאַר די מיטגלידער פון „הרצליה אין לאָקאַל צעגעלניאַנאַ 75
" " " " " " " " „השומר הצעיר" אין לאָקאַל פון פעטריקאָװער 116
" " " " " 8 " " מזרחי און צעירי מזרחי קילינסקיעגאָ 44
" " " " " " " " פועל"צ און פרײַהײט פעראײניגט מיט צ.ס. פעטריק. 83
" " " " " " " " „החלוץ הרכזי" אין לאָקאַל פון ציונ. אָרג. ציגל-גאַס 4
" " " " " " " " רעװיזיאָניסטים אין לאָקאַל קילינסקיעגאָ 60
" " " " " " " " „ברית-טרומפלדור" אין לאָקאַל קילינסקיעגאָ 60
זונטאָג, 28.12 " " " " " " „דעת-ועבודה" אין לאָקאַל נאָװאָמיעסקאַ 4

די קאָמיטעטען פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס בעט זײערע מיטגלידער צאָהלרײַך און פּינקטליך צו ערשײנען.

קויפט אויס דעם שקל!

לאירושי חברנו האהוב מר

אברהם יהודה פרײטאג

את העלמה הבתולה העדינה מרת

שרה בירנבום

הננו מברכים בברכת מזל טוב חמה ולבבית

חברת תפארת צעירים

לודז וסכדניא 51

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. פרײַנד

אברהם לײב פרײטאָג

מיט פרל. סאַלאַ בירנבוים

גראַטולירען הערצליך און װינשען פיל גליק

משה װיטעלזאָהן,
שלמה אהרן אורבאַך,
דוד גראָס.

צו דער האָכצײט פון אונזער ל. קוזין

אלתר בנימין זילבערמאַן

מיט פרל. לאה גאָלדשטײן

גראַטולירען הערצליך און װינשען לאַנגע געזונדע גליקליכע יאָהרען.

קוזין מאַנעס שװאַרץ און פרוי

Dr. med.
H. Borzekowska
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אַקושער און פרויען-קראַנקהײטען
צוריקגעקעהרט
Gdańska 44, tel. 185-88
נעמט אָן פון 5 ביז 7 אָװענד.
5059

Bank Spółdzielczy
Kupców i Przemysłowców
w ŁODZI
Spółdz. z ogr. odpow. — Tel. 136-46 i 188-34

39 צעגעלניאַנאַ 39

פראָנט 1-טער שטאָק — פראָנט 1-טער שטאָק

נעמט אָן װעקסלען, פראַכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסע אויף אַלע פלעצער אין גאַנץ פוילען בײַ אַ מינימאַלער פּראָװיזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, װײַזט איבער געלד אויף גאַנץ פוילען, נעמט אָן װקלאַדען אײַנלאַגען, גדן-געלדער און קלענערע אָפּשפּאָרונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאַכט די קאָנטאָ און גיט אַרויס אַװאַנסען אויף אינקאַסאָ

ערלעדיגט אַלץ פּינקטליך און רעעל.

די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג

מײַן פרײַנדין
פרל. צעשאַ ראָטענבערג
צו איהר פערלאָבונג
מיט ה' שלאַמעק ראָזמאַרין
װינשט אַ האַרציגען מזל-טוב און פיל גליק
מ. װאַרשאַװסקי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. ברודער
גדלי' דאַנציגער
מיט פרל. יהודית ראָזענבוים
װינשען אַ האַרציגען מזל-טוב און פיל גליק
אסתר בילה און יעקב דאַנציגער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. פרײַנד און שותף
ה' גדלי' דאַנציגער
מיט פרל. יהודית ראָזענבוים
װינשען אַ האַרציגען מזל-טוב און אַלדאָס גוטס
זיסל סטראַשונער,
שמחה אײַזענשטײן.

צום האָכצײַטס-פײַער פון
ה' אברהם לײב שימקעװיטש נ"י
מיט פרל. יוכבד רבקה שיחי' שײנפעלד
גראַטולירען הערצליך און װינשען עװיגעס גליק
יצחק שאיא, אײַזיק מאַלער

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. נעפע
יוסף פײַטלאָװיטש (לאָדז)
מיט פרל.
עװאַ פּאָזשענטשעװסקאַ (לענטשיץ)
װינשען אַ הערצליכען מזל-טוב און פיל גליק
ברוך הירשאָװיטש און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער פרײַנד
אבא גרינבאום
מיט פר. מלכה סאַנטאַראָװיטש
װינשען מיר זײ אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט.
שמואל יצחק רינגאַרט און פרוי

אוניברסיטה עממית
ע"י ההסתדרות הציונית בלודז.
מחר במוצאי השבת, (27.12), באולם ההסתדרות הציונית (ציגלנינה 4)

הרצאה עברית
על הנושא: „התנועות המשיחיות בישראל" (הרצאה א')
המרצה: ד"ר פ. פרידמן
התחלה בשעה 8.30 בערב. הכניסה חנם!

קינדער-הײם „הרצליה" (צעגעלניאַנאַ 75)

זונטאָג, דעם 28 דעצעמבער 4 נאָכמיטאָג, קומט פאָר אין לאָקאַל פון פרויען-פערבאַנד „װ. י. ז. א.", שענקיעװיטשאַ 26 אַ טראַדיציאָנעלע

חנוכה-פײַערונג

דאָס פּראָגראַם װעט אויסגעפיהרט דורך די קינדער פון אָכראַנקע „הרצליה".

אַכטונג האַנדװערקער!

מיר נעמען שוין אָן אויף אויסצוקױפען פּאַטענטען אויף 1931

די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 2 און פון 5 ביז 9 אָװ.

קויפט אויס פּאַטענטען די צײַט איז קורץ

צענטראַלער יודישער האַנדװערקער-פערבאַנד אין לאָדז, פּאָלודניאָװאַ 4

צו דער זילבערנער האָכצײַט פון אונזערע געשעצטע פרײַנד

דוד און רויזע שמולעװיטש

װינשען צו דערלעבען צו פײַערן די גאָלדענע האָכצײַט בתוך רחבה

ל. זוסמאַנעק און פאַמיליע
ליפּמאַן פראַװ און פאַמיליע

גדא טבא!

סל מלא ברכות אנו שולחים לחברנו היקר
מר יוסף ורוצלבסקי מלודז
לאירושיו את העלמה המהוללה
מרת עווא קורמן מזדונסקה וואלא
יורח מזלם כשמש בצהרים ויזכו לכנות את ביתם על הרי יהודה וירושלים.

מרדכי מיליונר, יעקב יון,
שבתי גרפינקל, אברהם בורוצקי,
יצחק גנצרסקי

לאָדזשער יודען אויפמערקזאַם!

דערמיט מעלדען מיר, אַז די בעװאוסטע קינסטלער די מוזיקער ברידער טויבע האָבען זיך װידער פעראײניגט און איהר ג' ה"ה מחותנים האָט די גוטע געלעגענהײט צו פערשאַפען גרויס תענוג אײַערע ליבע געסט!

די ברידער טויבע, װעלכע פיהרען אויס די נײַעסטע שלאַגערס און די שענסטע קאָמפּאָזיציעס זענען שוין גענוג בעװאוסט און בעקאַנט דער יודישער געזעלשאַפט. — מען דאַרף אויך נעהמען אין אַכט, אַז די מוזיק-קינסטלער ברידער טויבע זענען רײן פון חלול-שבת און זײ האָבען דעריבער פּאַרצוג! װילט איהר גוט װײַלען אײַערע געסט? װילט איהר בעשײנען אײַערע שמחות? װילט איהר האָבען פערגעניגען? מעלדעט תיכף פּינקטליך דעם זמן חתונה בײ די ברידער טויבע אויף אײנעם פון די פאָלגענדע אַדרעסען:

כ. טויבע, נײַ-צעגעלניאַנאַ 22
י. טויבע, אַל. 1 מאַי 18 (פּאַסאַזש-שולץ).

אָנמעלדונגען װערען אָנגענומען טעגליך (חוץ שבת און יום-טובים) פון 9–11 פריה און פון 4–6 אָװ. איהר קאָנט אויך אונז מעלדען דורך אַ פּאָסט-קאַרטעל.

בעמ.: מעסיגע פּרײזען.

עפענטליכע התראה

דעם רפאל זלאַטאָװסקי לאָדז. צעגעלניאַנאַ 11 אַ זוהן פון ר' ישראל יצחק ז"ל זלאַטאָװסקי צעגעלניאַנאַ 11 אַ אײניקעל פון ר' משה בלאַװאַט ז"ל צעגעלניאַנאַ 11 אַ ברודער פון מנשה זלאַטאָװסקי צעגעלניאַנאַ 11 אַ שװאָגער פון בעריש קאָהן קילינסקיעגאָ 49 אָנגעשטעלטער בײ ה' שמשון פּאָזנאַנסקי פיעטריקאָװער 38. אויב דער אויבענדערמאָנטער רפאל זלאַטאָװסקי װעט נישט מקיים זײַן דעם פּסק בײד פון א' תולדות (16.11) פון הרב ר' לײביש ראָזענבערג פון פּאָמאָרסקאַ 4 אין פערלויף פון 3 טעג. אין געגענגעזעצט װעל איך נישט זײַן פעראַנטװאָרטליך פאַר די װײטערדיגע פאָלגען.

מיט אַכטונג: רבקה שלאַמאָװיטש

ײַן כשר!

„פּראָגרעס № 7"

אויב איהר האָט נאָך נישט געטרונקען דעם בעװאוסטען ראָזינען-װײַן, דאַן איבערצײגט אײַך, אַז איהר בערויבט אײַך און אײַער פאַמיליע הנאה צו האָבען פון װײַן. צוליב אַ רעקלאַמע פערקויפען מיר № 7 אַ פלאַש פון ¼ ליטער גוטען ראָזינען-װײַן

נאָר 65 גראָשען

אַ באָטשינקע דעם זעלבען נומער **1.50 זל.** אַ קחאַרט **2 זלאָטים.**

צו דער בעקװעמליכקײט פון ג' פּובליקום בעקומט מען דעם װײַן „פּראָגרעס" № 7 אין די פאָלגענדע געשעפטען:

ס. ליפּעל, גרינער מאַרק 8 און ב"ה ח. בלאַנקעט, גלובנאַ 69

לערע פלעשער צאָהלען מיר 5 גראָשען ¼-ליטערדיגע און צו 10 גר. באָטשינקע און קװאָרטענע

מיט אַכטונג
װײַן- און מעהד-פאַבריק
פירמע „פּראָגרעס"
אַלטער מאַרק 2, טעל. 184-82.

אַ קאַפּיטאַליסט

מיט אַ פראָנט-געשעפט אויף נאָװאָמיעסקאַ אין בעסטען צענטער זוכט אַ שותף, אַ פאַכמאַן פון אַ גאַנגבאַר אַרטיקעל מיט אַ ביסעל קאַפּיטאַל. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטר. פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" אונטער B. R.

לעזט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט"

ערשטע יודישע קהלה אין שפּאַניע
זייט'ן גירוש פון יאהר 1492
די יוד. קהלה איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער פערזענליכער אינטערווענץ פון קעניג אלפאנס

ערשטער יוד. קהלה איז שפּאַניע זייט נאָכ'ן גירוש

מ אַ ד ר י ד, 25 דעצ. (יט"א)

זייט'ן גירוש שפּאַניען פון יאהר 1492 איז אצט אין מאדריד געגרינדעט געוואָרן די ערשטע עפענטליך-רעכטליך אנערקענטע יודישע קהלה, וואָס צהלט 30 מיטגלידער.

די קהלה איז אנערקענט געוואָרן לויט דער פערזענליכער אינטערווענץ פון קעניג אלפאנס און טראָץ דער נעגאַ־טיוונג פון דער קירכליכער מאַכט.

די קהלה האָט שוין אויך בעקומען א פּלאַץ פאַר א בית עלמין. אלס פּרעז. פון דער קהלה איז געוועהלט געוואָרן דער פראַנצויזישער באַנקיר בייער, וועל־כער האָט זיך אויך משתדל געווען ביים קעניג וועגן דער ערלויבניש צו גרינדען די קהלה.

„ועד הקהלות" וועגען די אונטער־האנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג

לאָנדאָן, 25. דעצ. (יט"א)

דער „ועד הקהלות" האָט אָפּגעהאַל־טען א זיצונג, אויף וועלכער עס איז פאָרגעלעגט געוואָרן א בעריכט פון די אונטערהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג.

בעת דער דיסקוסיע האָט אביגדור גאָלדשמידט ערקלערט, אַז די אונטער־האנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגי־רונג זיינען בערעכטיגט, ווייל די ענגלישע רעגירונג איז דער איינציגער פאַקטאָר וואָס קען און דאַרף אויספיהרען די התחייבות'ן פון מאַנדאַט.

די איינצעלהייטען פון די אונטער־האנדלונגען קענען נאָך אַצט נישט מיט־געטיילט ווערען.

פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע
געגען דער קאַנדידאַטור פון א יוד. אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר

פּאַריז, 25. (יט"א)

די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע טרעט שאַרף אַרויס געגען דער קאַנדידאַטור פון יוד ז'אַן שמערן אויפ'ן אַמט פון אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר פון פּלאַץ־מיניסטעריום.

זאַל פון פילהאַרמאַניע
20 נאַרוטאָוויטשא 20

פרייטאג, דעם 2־טען יאַנואַר 8.30 אָוועט
חיה'לע גראַבער
געוו. שוישפּילערין פון „הבימה"
אין ליעד און דראַמע
קינדער־ / פאָלקס־ / גאַסען־ און
לידער / בילדער / גנבים־לידער
חסידישע נגונים
ביים קלאַוויר: איגנאַצי ראָזענבאַום.

בילעטען צו בעקומען אין זאַל פון פילהאַרמאָניע.

אין ערוואַרטונג פון רעדוקציע אין דער לאָדזער אינדוסטריע
80 פּראָצענט פאַבריקען געשלאָסען.

לויט די ביז איצטיגע בערעכנונגען, וועגען פאַר חגא און לאָדז אָפּגעשטעלט געוואָרען 80 פּראָצענט פון אַלע פאַבריקען. אויף 3 וואָכען האָבען די אַרבייטער פון די ראַזינגע אונטערנעמונגען פערלוי־רען זייערע בעשעפטיגונגען.

און מיטען יאַנואַר וועלען א רעלפּס פון די געשלאָסענע פאַבריקען ווידער גע־לאָזט ווערען אין גאַנג. עס איז אָבער פאָראויסגעזעהן, אַז אומעטום וועט פאָר־קומען א רעדוקציע פון די אַרבייטער אָדער פון דער צאָהל אַרבייטס־טעג.

עכט נור אין אָריגינעל שאַכטעל
בעמערקונג! זאַפּראַווע איף דער
וואַנט אַריבערציען מיר נישט.
וואַרפט זאַלבע אַב
אַלס פאַלשע סחורה

פּראָטעסט פון מאַדיאַרע... בני דת משה

פּראָג, 25. (יט"א)

דער פאָרזיצער פון יודישען נאַציאָ־נאַל־ראַט אין טשעכאָסלאָוואַקיען לודוויג זינגער האָט פערעפענטליכט אַן ערקלע־רונג אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פּראָטעסט פון פערבאַנד פון די אונגארישע סעגות, הלמאי ס'האָט זיי נישט פערשריבען אלס אונגאַרן נאָר אלע אָנגעהעריגע צו דער יודישער נאַציאָנאַליטעט.

דער יודישער נאַציאָנאַל־ראַט ער־קלערט, אַז אזא שטעלונג איז אַן אויס־דרוק פון אַסימילאַציע און ענטשפּרעכט נישט די מאָראַלישע בעגריפען פון לעבע־דיגען יודענטום.

„הזמיר"
יודישע טעאַטער סטודיע
„הזמיר"
אַלעיאַ קאָשטשושקי 21.

היינט, פרייטאָג, דעם 26-טען דעצעמבער 9 אַ זייגער אָוועגד צום 9-טען מאָל
אין פּאַליש אויף דער קייט דראַמא אין 3 אַקטען פון י. ל. פּרץ.

שבת, ד. 27. 10.30 פריה צום 10. מאָל פּאָפּולערע פריהמאָרגען פאָרשטעלונג
אין פּאַליש אויף דער קייט. פאַר דער פאָרשטעלונג א רעפעראַט פון דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן א.ד.ט. „פּרץ דער דראַמאַטורג".

מאָרגען שבת, דעם 27-טען דעצעמבער, זונטאָג, דעם 28. דעצ. 9 אָוועגד
די גאָלדגרעבער קאָמעדיע אין 5 אַקטען פון שלום עליכם.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאַסע פון „הזמיר".

פון „יעאָס"
פאַר עמיגראַנטען קיין אַרגענטינא.

נאָך 6 טאָג קען מען בעקומען די אַרגענטינישע וויזעס פאַר 3 דאָלאַר, פון 1-טען יאַנואַר אָן וועט יעדער עמיגראַנט אָהן אויסנאַהם מוזען צאָה־לען 33 דאָלאַר פאַר א וויזע, אפילו פאַר יעדען קינד וועט מען מוזען צאָה־לען 33 דאָלאַר.

אַלע עמיגראַנטען, וועלכע האַלטען איצט ביים פאָהרען קיין אַרגענטינא, נאָר זיי האָבען געוויסע שוועריגקייטען, דאַרפען זיך תיכף מעלדען אין ביוראָ פון „יעאָס", (קילינסקיעגאָ 49) אין ביוראָ שעהן פון 10 ביז 2 מיטאָג.

נאַ" יוריסטע
קאָנגען האָבען רעכטס־ביוראָ'ס

אָנהויב 1931 וועט ערשיינען א פאָר־אָרדנונג וואָס וועט רעגולירען די פּראַגען וועגען ביוראָ'ס פאַר יורידישע עצות און בוטעס־שרייבערייע. אויף צו עפענען אזא ביוראָ וועט נייטיג זיין א ספּעציע־לע קאָנצעסיע, וואָס ס'וועט בעקומען נאָר א יוריסט.

בעוואונדערט פאול באַראַטאָוו
אין זיין קרעאַציע אין דער
סענסאַציאָנעלער פּיעסע
יאָ א מאַן — ?
נישט א מאַן ...

נייע שפּראַך־קורסען

פון ערשטען יאַנואַר 1931 ווערען געעפענט נייע שפּראַך-קורסען פאַר עמיגראַנטען, עס וועט געעפענט ווערען פרישע גרופּען פאַר אָנפאַנגער פון פראַנצויזיש און ענגליש.

קלאַנג־פילם־טעאַטער
CASINO

היינט און טעגליך!! צויבערנדע ליבעס־פּאָר, די פער'כשופּ'טע
Alexander Gray און די עלעגאַנטע Bernice Claire
אין גרעסטען פילם פון דעם סעזאָן
נו, נו, נאַנעט
(די פרוי פון מאַרס)
די הערליכסטע מעלאָדיעס, די איידעלסטע פאַרבען, אויסערגעוועהנלי־כע, רייכע אויסשטאַטונג, פּראָפירענדער אינהאַלט.
אויסערן פּראָגראַם: „דאָס ליד פון די דזשונגלעס"
אָנהויב טעגליך 4.30, ג"מ שבת, זונטאָג און חגאות פריהמאָרגענס פון 10 פאַרמיטאָג צו גידריגסטע פּרייזען פון 75 גר' און 1 זל.

וואוּקס פון יודישער נאַציאָנאַליטעט
בעת דער פאָלקס־צעהלונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע

פּראָג, 25. (יט"א)

דער ערשטער רעזולטאַט פון דער פאָלקס־צעהלונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 2 חדשים צוריק האָט געבראַכט א גרויסען צוואוקס פאַר דער יודישער נאַציאָנאַליטעט.

פּרעסבורג, 25. דעצ. (יט"א)

די צאָהל פון די וואָס האָבען אָנגע־געבען זייער מוטער שפּראַך יודיש, איז געשטיגען מיט 15 פּראָצ.

פאָדערונג צו פערצייכנען אַלע שעד־ליכע אינדוסטריע-אונטערנעמונגען אין לאָדז

לויט די פאָרשריפטען וועגען בוי־רעכט, קאָנען אינדוסטריע אינטערנעה־מונגען, וואָס זיינען שעדליך, אָדער אומ־בעקוועם פאַר דער אומגעבונג, נישט גע־פינען זיך אין קעלער־וואוינונגען. וועגען אַזעלכע אונטערנעמונגען דאַרף די לאָ־דזער האַנדעלס־קאַמער צוזאַמענשטעלען א רשימה. די האַנדעלס־קאַמערן האָט אָבער וועגען דעם שוין אָנגענומען א באַשלוס און זי וועט דערום

אזא ליסטע פון „שעדליכע" אונטערנע־מונגען און קעלער'ס נישט צוזאַמענשטע־לען, די מאָטיווירונג פון דעם אָפּזאָג איז, אַז עס איז שווער גענוי צו בעצייכ־נען, וועלכע אונטערנעמונג ס'איז פּאַק־טיש שעדליך. לויט'ן אַרטיקעל 15. פון אינדוסטריע רעכט דאַרף אין יעדען פאַל בעזונדער וועגען דעם ענטשיידען די בוי־ און אינדוסטריע־מאַכט.

שפּינער־קאַרטעל ווערט בטל
אויב דער אָפּמאַך וועט נישט פערלענגערט ווערען וועט די רעגירונג אינטערווענירען

צווישען די שפּינערייע־בעזיצער ווע־רען לעצטענס געפיהרט אונטערהאַנד־לונגען צו פערלענגערן דעם אָפּמאַך ווע־גען שפּינער־קאַרטעל, ווייל דער בוזאיצ־טיגער אָפּמאַך פערלירט זיין גילטיגקייט דעם 31. ד. ח.

די קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרען מצד דעם ראַט פון שפּינער־קאַרטעל, האָט שוין בעוויזען צוגעווינגען די הסכמה צו פערלענגערן דעם קאַרטעל אָפּמאַך מצד 72 פּראָצענט פון אַלע ביז איצט קאַרטעליזירטע שפּינדלען. אָבער כדי צו קענען פערלענגערן דעם אָפּמאַך,

איז אונבעדינגט נייטיג צו האָבען די הסכמה פון 93 פּראָצענט שפּינדעל־בעזיצער, וואָס זיינען ביז איצט קאַרטע־ליזירט. צוליב דעם האָט די קאָמיסיע געגעבען צייט די איינגע'עקשנ'טע שפּי־נער'ס ביז'ן 27. ד. ח.

אויפ'ן 8. יאַנואַר 1931 איז בעשטימט א קאָנפערענץ פון די שפּינערײ־בעזיצער צו דעצידירען ענדגילטיג איבע'ן גורל פון קאַרטעל — יאָ, אָדער נישט.

דעם 1. יאַנואַר הערט דערווייל דער קאַרטעל אויף צו עקזיסטירען. קיינעם פון די שפּינער'ס וועט נישט בינדען

קיין שום פערליכטונג.

אין די ספערען פון דער לאָדזער אינדוסטריע הערשט א מיינונג, אַז אויב דער קאַרטעל וועט אויפהערען צו ווער־קען אלס אַזעלכער, וועלען ווייטער פאַ־לען די פּרייזען פון גאַרן.

אויב עס וועט אָנהויב יאַנואַר נישט קומען צווישען די שפּינערײ־אונטערנע־מער צו קיין הסכם מכח פערלענגערן דעם קאַרטעל־אָפּמאַך, וועט דער קאַר־טעל־ראַט זיך ווענדען צו דער רעגירונג מיט א ביטע וועגען אינטערווענץ.

פאָדערונג צו פערלייכטערן די עקספּעדיציע פון באַהן-משאות און צו ענדערן די פאָרשריפטען וועגען סחורה־טראַנספּאָרט
השתדלות פון לאָדזער האַנדעלס-קאַמער

די לאָדזער האַנדעלס־קאַמער איז אַרויסגעטרעטען צו דער וואַרשאַווער באַהן־דירעקציע מיט א פאָדערונג צו פערלייכטערן און פערגרעסערן די פאָרמאַליטעטען און איינפיהרען נייע פאָרשריפטען וועגען באַהן־עקספּעדיציעס, כדי די ווירטשאַפטליכע קרייזען זאָלען אין דעם פּרט נישט האָבען קיין שווע־ריגקייטען.

עס האַנדעלט זיך קודם כל, אַז מיט־טיילונגען וועגען אָנקומען פון באַהן־פּאַקעטען מיט שנעל־ און באַגאַזש־צוי־גען, זאָלען געמאַכט ווערען טעלעפאָניש, קודם כל צו די סחורה־עקספּעדיציעס, וועלכע וועלען אזוי אַרום זיין אומ־שטאַנד רעכטצייטיג צו רעלעגירען זיי־ערע בעפּולמעכטיגטע אָפּצונעמען די עקספּרעס־פּעקלעך אומצ ווערען די דאָ־זיגע מיטטיילונגען וועגען פּעקלעך, וואָס קומען מיט עקספּרעס־צוגען געמאַכט צוזאַמען מיט די מעלדונגען וועגען אַנ־דערע געוועהנליכע פּעקלעך, צוליב וואָס עס קומען פאָר פערשפּעטיגונגען ביים אָנקומען פון די סאַמע מעלדונגען און ממילא ביים אָפּנעמען די פּעקלעך.

ביז איצט דאַרף מען בעשטעלען וואָ־גען 24 שעה פאַר'ן אָנהויבען צו לאָדע־נען. היות די דאָזיגע פאָרשריפט איז נישט געגוג פאָרמעל אָפּגעהיטען, איז ראַטזאַם, אַז די פּראָווינצערעסירטע אונטערנעהמונגען זאָלען בעקומען די בעשטעלטע וואַגאָנען רעכטצייטיג טאָג פון דער בעשטעלונג, אויב די באַהן־סטאַציע האָט גראָד וואַגאָנען, דערוי־

חאָרף אויך זיין פּראָאינטערעסירט די באַהן־מאַכט, וואָרום נישט וועלענדיג פערשפּעטיגונגען מיט דער סחורה־עקספּעדיציע, שוקט מען אַוועק דעם טראַנספּאָרט מיט אויסטאָמאָבילען.

א גרויסע שוועריגקייט איז אויך דאָס בערעכנען אַזוי־גערופענע „אקס־געלד" פאַר די וואַגאָנען מיט „צאָל־סחורות", וואָס זיינען דורך דער באַהן־עקספּעדיציע צוועקגעשטעלט אויף אונטער זונטאָג, אָדער חגא. דער חגא־טאָג ווערט אַריינ־גערעכנט, נאָר נאָך יעדער רעגולאַר־מאַסיגע צאָהלט מען צוריק פאַר דעם טאָג אקס־געלד.

אויך דאַרף פערלענגערט ווערען אויף א שעה דאָס אָנגעמען באַהן־באַגאַזש.

Dr. Med. E. Reicher
ספּעציאַל אַרצט
פאַר הויט האָר און וועגערישע קראַנקהייטען
דיאַטערמיע־בעהאַנדלונג און עלעקטרא־טעראַפּיע
פּאָלודניאָוואָ 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8—11
פריה און 5—9 אָווענד. זונטאָג ביז 1 מיט.
פאַר אונבעמיטעלטע לעשׂניגע פּרייזען

Dr. med. M. Lerner
קינדער־קראַנקהייטען
זאַכאָדניאַ 64, טעל. 113-09 נעמט אָן פון 3— 5

אויערען, נאָז און האַלז־קראַנקהייטען
Dr. med. J. DYNIN
ספּעציאַליסט
נעמט אָן פון 5—7 נאָכמ.
6-go Sierpnia 30, tel. 153-85.

Dr. A. Mazur
וואָלטשאַנסקאַ 67, — טעל. 166-01
נעמט אָן פון 10 — 1.30 און פון 4 — 6 אָווענד

לאדזשער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענד
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעדאקציע 100-57, אדמיניסטראציע 100-47

די פאליטיק פון דער וואך

דייטשלאנד אין דער וואך פון דער ווייהנאכט. — הונגער! הונגער! — ארמעע אין מלחמה-פלייש. — די פארבערייטונגען פון דער דייטשער-דיפלאמאטיע צו דער נאהנסטער סעסיע פון פעלקער-בונד

די בערלינער ארבעטסלאזע האבען אלס „גוויאזדקע" לכבוד ווייהנאכטען, איינגעארדענט אויף די גאסען א הונגער-דעמאנסטראציע און מיט'ן געשריי „ברויט! ברויט!" האבען זיי אנגעהויבען ראבירען די שפייז-געוועלבער. און דייטשלאנד האט קנאפע 3 מיליאן ארבעטסלאזע. 3 מיליאן מענשען, וואס גייען אויס פאר הונגער און האבען נישט דעם טאג איבערצולעבען. און די דאזיגע הונגעריגע ארמעע איז שוין אליין איינס צו זיי וועלען זיצען אינדערהיים און שטארבען פאר הונגער אדער אויפ'ן שלאכט-פעלד — און שטארבען פון שונא'ס א קויל. פאר די וואס שטעהען אבער אין שפיץ פון דער דייטשער מלוכה, און נאך מעהר פאר די, וואס ווילען זיך ערשט ארויפכאפען אויף דעם דאזיגען שפיץ איז שוין אבער יא א גרויסע נפקא מינה מיט וואס פאר א טויט עס שטארבען די ארבעטסלאזע. און ווארטענדיג אויפ'ן הונגער-טויט אין דער היים קאנען די ארבעטסלאזע ווערען געפעהרליך, זיי קאנען מיט זיך מיטשלעפען אין קבר ארײן די גאנצע יעצטיגע ארדנונג, אזא ארמעע איז פעהיג אויף פאגראמען, רויב-אנפאלען אין גרויסען מאסשטאב, און דאס נישט בלויז, ווי עס בולען און עס העצען די היטלעריסטען, יודישע געשעפטען. דער הונגעריגע מאגען מאכט נישט קיין „ראסען-אונטערשיידען"... אלזא, אזא הונגעריגע פערצווייפעלטע ארמעע קאן ווערען זעהר געפעהרליך אפילו פאר א היטלער-רעגירונג. דער איינציגער אויסוועג איז, אלזא, אז זיי זאלען שטארבען נישט אין דער היים נאר אויפ'ן שלאכט-פעלד.

אזוי ארום ווערט די נייע כוואליע פון גייסטיגע מלחמה-העצערייען אין דייטשלאנד אנ'עקאנאמישע נויטווענדיגקייט, און קיין „פאטריאטישע" סבות צו דער מלחמה-העצע פעהלען נישט. „יאנג-פלאן", דאנציגער קארידאר, די גאנצע וועלט איז בעווארענט בלויז דייטשלאנד לאזט מען נישט דעם קאפ אויפהויבען, קיין פאטריאטישע סבות פעהלען נישט, און האבען קיינמאל נישט געפעהלט, ווען מען האט בעדארפט אנהויבען א מלחמה-העצע אויף דער וועלט. אט אזוי ווערט צונויפגעפאסט די עקאנאמישע נויטווענדיגקייט מיט די פאטריאטישע סבות, און מיר האבען איצט פאר זיך א געפעהרליכע, גייסטיגע מלחמה-העצע, וואס אייראפא האט שוין נישט געהאט זייט עס האט זיך געהערט דער לעצטער שאס אויף די שלאכט-פעלדער פון דער וועלט-מלחמה. די העצע, וואס אנ'אמת, ווערט נאך לעת עתה געפיהרט בלויז אויף דער גאס, די שפיאנגס-מאכער מאכען שטימונג פאר מלחמה, אבער צוזאמען מיט די שפיונגס-מאכער אויף דער גאס ארבעטען די דיפלאמאטישע ספעציאליסטען, און גאר בקרוב, זאגט מען, שוין אויף דער יאנואר סעסיע פון פעלקער-בונד, וועט קורטיוס פאדערן, אז עס זאל פארקומען א רעוויזיע פון דער פויליש-דייטשער גרענעץ. מען זאגט, וואס אנ'אמת, אבער וועט נישט סטראשען, נישט דראהען, ער וועט ווענדען דעם נעבען אנצוגעהערען און אנ'אנדערער פארם, עס זאל קיינעם נישט בעליידיגען, נישט מאכען קיין בויז-בלוט, א. ז. וו. קורטיוס. הייסט עס וועט ראן וועלען טאפען דעם דופק פון פעלקערבונד, מכשיר זיין דעם באדען פאר א שפעטערדיגער דיסקוסיע, וואס וועט שוין וואהרשיינליך נישט זיין אזוי איידעל, נישט אזוי מילד און דווקא יא אפשר בויז-בלוט ביי פיל מיטגלידער פונ'ם פעלקערבונד. ווי עס זאל נישט זיין, וועט די דייטשע אפיציעלע דיפלאמאטיע מיט דעם שריט פרובען צונהויבען צו רעאליזירען דעם פאליטישען פראגראם, וואס דער מלוכה-מאן טרעוויראנוס האט פארגעלעגט פאר זיינע וועהלער צו די וואהלען צום רייכסטאג און וואס איז יענעם שנאה-פראגראם. פון די נישט-אפיציעלע דיפלאמאטען פון היטלערס גענעראל-שטאב.

די וועלט בעקומט אלזא, צו ניי-יאהר א שרעקליכע „גוויאזדקע", און אויב מען זאל גלויבען דאס קריסטליכע מעשה'לע פאר קליינע קינדער, אז יעדעס יאהר צו ניטול וואנדערט דער אפאסטאל שמעון פעטרוס מיט א טארבע מתנות פאר די גוטע און וואוילע קינדער, וואנדערט ער הייאהר גאנץ זיכער נישט. אנשטאט אוהם שלעפט זיך איבער דער וועלט דער יאהר סקעלעט פון יענעם שווארצען שאטען, וואס האלט די קאסע און זיין בענעדיגער ראנד...

און די וועלט זעהט עס, און די וועלט פיהלט עס. אבער עס איז קיין עצה נישטא. אין דייטשלאנד דרעהען זיך ארום הונגעריג 3 מיליאן ארבעטסלאזע, און ענגלאנד נאך מעהר, און דאס רוהיגע זאטע אמעריקא, איז שוין אויך גארנישט אזוי זאט און גארנישט אזוי רוהיג. דער פאלקס-צארן דראהט אויסצוקומען מיט מורא'דיגע געשעהענישען, ווייל מען וויל אוהם אפלענקען אין א זייט, אויף דרויסען, אקעגען אנדערע פעלקער.

דער באדען צו א מלחמה, און דערצו נאך צו א גרויסער, בלוטיגער וועלט-מלחמה איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי צוגעגרייט אזוי ווי איצט.

ווער וועט קאנען אפהאלטען דאס שרעקליכע שפיל? הלואי זאל עס זיין דער פעלקערבונד!

ב. ז-ח.

דער ענטפער

פון דעפ. ד"ר י. ראזענבלאט

דאס אויג ווערט מיד זוכענדיג אנ-ארט אויף דער וועלט, וואו עס זאל הערשען צופרידענהייט. אזא צושטאנד הערשט שטענדיג אין די איבערגאנגס-פעריאדען, נאכדעם ווי ס'איז פארניכטעט געווארען דאס, וואס ס'האט עקזיסטירט און ס'איז נאך נישט געשאפען געווארען קיין סטאביליזירטע נייע ארדנונג.

מען דארף זיך דערפאר נישט וואונדערן, אז די יודישע לאגע איז אזא ביטערע, אזוי ביטער, ווי זי איז שוין לאנג נישט געווען. מיר האבען זיך קיינמאל נישט געקאנט בעקלאגען אויף א צו גוטער בעהאנדלונג, מצד דער נישט-יודישער וועלט, אדער ס'האבען עקזיסטירט איינצעלנע אינזלען, אויף וועלכע מיר האבען געהאט מנוחה. היינט האט זיך דער אנטיסעמיטישער ים אזוי צעבושעוועט, אז ער האט אפילו פערגאסען די דאזיגע איינציגע אינזלען.

אט די געדאנקען דערוועקען זיך, ווען מען בעטראכט די בעציהונג פון דער ענגלישער רעגירונג צו אונז. און רעדט מען פון דער ענגלישער רעגירונג, מוז מען פערשטעהען אונטער דער בעצייכנונג — דאס ענגלישע פאלק. גראד ענגלאנד איז דאס טיפישע לאנד, וואו קיין שום רעגירונג קאן גארנישט טון, ווען זי האט נישט אונטער זיך די עפענטליכע מיינונג. בעת די לעצטע פארלאמענטס - דעבאטען ווען רעדנער זענען ארויסגעטרעטען געגען דער היינטיגער פאליטיק פון דער רעגירונג בנוגע ארץ-ישראל, איז דאס נאר געווען א בעוויז, אז נישט דאס גאנצע פאלק אפראבירט די דאזיגע פאליטיק. אמבעסטען און אמריכטיגסטען האט זי כאראקטעריזירט לאיד-דזשארדש ווען ער האט זי בעצייכענט מיט דעם ווארט: „אנטיסעמיטיש".

מיר זענען ווייט דערפון צו בעשולדיגען דאס ענגלישע פאלק אין אנטיסעמיטיזם. א פאקט איז אבער, אז לויט דער מיינונג פון די היינטיגע ענגלישע מאכט-פאקטארען ליגט עס אינ'ם אינטערעס פון גרויס-בריטאניען, אריינצופיהרען יודען-פיינדליכע טענער אין דער בעציהונג צו אונז, קורץ געזאגט: ס'הערשט איצט פאר אונז א אונגינסטיגע פאליטישע קאניונקטור.

דער דאזיגער מצב וועט נישט זיין סטאביל, ער וועט זיך ענדערן און וואהרשיינליך אין דער נאהנטסטער צייט אין דעם זעלבען מאמענט, ווען די איצטיגע רעגירונג וועט פאלען. טאקע דערפאר מוז די היינטיגע סיטואציע בעצייכענט ווערען מיט דעם ווארט „קאניונקטור", וואס בעדייט א צייטווייליגען צושטאנד.

דאס רוב יודען אריענטירט זיך נישט אין די דאזיגע אונטערשידען און גלויבט, אז ס'איז אריינגעטרעטען א גענצליכע קאטאסטראפע אינ'ם ציוניזם. זאלען די דאזיגע מענשען געפינען היינט אין גאנץ אייראפא לפחות איין פאלק, וואס בעטראכט, אז די איצטיגע פאליטישע קאניונקטור איז פאר איהר גינסטיג, אלע האבען פרעטענזיעס צו די נאכ'מלחמה'דיגע רעזולטאטען אויף דער גאנצער ליניע: איין לאנד האט ביי דער טיילונג פון דער ירושה גארנישט בעקומען, דאס צווייטע לאנד — האט צו ווייניג בעקומען, דאס דריטע בעקלאגט זיך, אז מען האט עס אפגענארט. אט די שטימען הערען נישט אויף צו לארעמען און אויפצורודערן די וועלט.

איז דער היסטארישער גורל שטענדיג געווען פאר אונז, יודען, אזוי פריינדליך, אז מיר זאלען זיך וואונדערן, פארוואס גראד לגבי אונז האט מען נישט ערפילט אין הונדערט פראצענט די דאזיגע פערשפרעכונגען, וועלכע מען איז געווען געצוואונגען אונז צו געבען אין דער צייט פון מלחמה, ווייל דעמאלט האט מען אונז געברויכט, ווייל דעמאלט האט פאר אונז עקזיסטירט א גינסטיגע פאליטישע קאניונקטור... אזוי איז שטענדיג געווען און אזוי וועט שטענדיג אויך בלייבען.

אזוי ווי אין ווירטשאפטליכען לעבען בייטען זיך גוטע און שלעכטע צייטען, ד. ה. גינסטיגע און נישט - גינסטיגע קאניונקטורען, פונקט אזוי עס געשעהט אין דער פאליטיק. די גאנצע חכמה בעשטעהט טאקע אין דעם, ווי אמבעסטען אויסצונוצען פאר זיך די גוטע צייט און מיט די קלענסטע קרבנות, מיט גרינגסטע פערלוסטען דורכצוהאלטען די שלעכטע קאניונקטור.

מ'מוז זיין ערליך צו זיך אליין! מ'האט געלייסטעט אין די לעצטע צעהן יאהר אין ארץ ישראל אונגעהויערע זאכען; מ'האט געלעגט א גראניט-פעסטען פונדאמענט צום אויפבוי פון א נאציאנאלען ישוב. מ'קאן זאגען אהן איבערטרייבונג מיט דעם גרויסען שטאלץ, אז קיין שום פאלק, מעכטיגער און גרעסער פאר אונז, פערזארגט מיט א סך גרעסערע מיטלען, וואלט נישט געווען אימשטאנד אויפצובויען דאס, וואס מיר האבען אויפגעבויט ארץ-ישראל.

אבער דוקא מיר האבען געדארפט אין די 10 יאהרען פון גינסטיגער קאניונקטור דאפעלט און דרייפאך אזוי פיל לייסטען און דאן וואלטען מיר אנדערש אויסגעזעהן.

עס איז א אונגליקליכע אייגענשאפט, וועלכע געפינט איהר ערקלערונג אין היסטארישע בעדינגונגען, אז מיר, יודען, פיילען מיט דער זעלבער לייכטקייט אריין אין ענטוזיאזם, ווי אין א פאניק-ארטיגער שטימונג. אפטימיזם און פעסימיזם טוישען זיך ביי אונז מיט אנ'-אסטראנאמישער געשווינדקייט. ווען מיר וואלטען זיך אין 1925 יאהר נישט געלאזט בעהערשען דורך דער פאניק, וואלטען מיר לייכט איבערוועלטיגט די דעמאלדיגע צורודערונג און די פירטע עליה וואלט געווען געראטעוועט און היינט וואלטען מיר געווען געהאט גאנץ בעשטימט מיט הונדערט טויזענד יודען אין ארץ ישראל. די קאטאסטראפע פון 1929-טען יאהר מיט אלע איהרע פאליטישע קאנסעקווענצען וואלטען גאנץ זיכער נישט געווען פארגעקומען און מיר וואלטען נישט געשטאנען איצט פאר דער שלעכטער פאליטישער קאניונקטור.

מיר מוזען זיך אבער רעכענען מיט געשעהענע פאקטען, און די דאזיגע פאקטען פאדערן, נישט איבערצוחזר'ן די זעלבע פעהלער, וואס מען האט שוין אמאל געמאכט. דאס יודישע פאלק מוז פאליטיש קלוג ווערען, פאליטיש רייף ווערען און דאס בעדייט: רוהיג און פעסט זיך ענטגעגענשטעלען געגען די אויגענבליקליכע שלעכטע בעדינגונגען. די ערגסטע פאזיציעס צו דערהאלטען נאך א מפלה — איז א זאך פון גרויס וויכטיגקייט. א קלוגע פיהרונג בעגנוגענט זיך נישט דערמיט און בעמיהט זיך צו בעפעסטיגען וואס מעהר די פאזיציעס.

פיל מיינען, אז פון דער מאס, ווי די ענגלישע רעגירונג זעהט אויס איהרע פערפליכטונגען, הענגט אפ דער גורל פון ארץ ישראל. ס'איז א פעהלער אזוי צו דענקען! דער גורל פון א"י הענגט אפ אויסשליסליך פון די יודען גופא. מען מוז בויען און בויען ווייטער דאס ווערק און דאס נישט אויפהערען אויף קיין איין מינוט. מ'מוז פערשטארקען וואס מעהר איז מעהר די מיטלען, מיט וועלכע מיר בויען, מ'מוז אנשטרענגען די גאנצע ענערגיע אויף די זאמלונגען פון „קרן-היסוד" און קרן-קימת. מיט זייער הילף קאנען מיר נאך היינט אויספיהרן גרויסע זאכען אין ארץ ישראל און פערברייטערן וואס מעהר דאס שוין געשאפענע ווערק.

א גאנץ פאלק טאר זיך נישט פערנעהמען שטענדיג מיט הויכע פאליטישע ענינים, דאס פאלק מוז ארבייטען אונטערמידליך טאג איין און טאג אויס, עס מוז געבען זיינע כחות און מענשען, און געלד, און ענערגיע, און פעסטען גלויבען, אז זיין אידעאל וועט איין מאל פערווירקליכט ווערען. לאמיר איבערלאזען די פאליטיק פאר אונזערע פאליטישע אינסטאנצען, וואס זענען דערצו בערופען!

מיר שטעהען איצט פאר א קאנגרעס, פאר אונזער העכסטען פאליטישען פאקטאר. עס איז דער חוב פון א בעוואוסטזיניגען פאלק, צו זארגען דערפאר, אז דער קאנגרעס זאל אימפאנירען אונזערע פריינד און אונזערע פיינד. דער קאנגרעס ווערט געוועהלט פון יודען, וועלכע קויפען אויס שקלים און בעווייזען דערמיט, אז זיי נעהמען אנ'אקטיווען אנטייל אינ'ם קאמף, וועלכען עס פיהרט די ציוניסטישע ארגאניזאציע פאר דעם יודישען פאלק.

דער וועלט וועט נאר אימפאנירען אזא קאנגרעס, וועלכער וועט האבען דאס רעכט צו רעדען אין נאמען פון א גרויסען טייל פון יודישען פאלק, און דעם בעשטעהט די גאנצע מאראלישע בעדייטונג פון שקל, יעדער איינציגער שקל בעדייט פשוט, אז זיין בעזיצער איז א מענש, וואס טראגט אין זיין הארץ דעם גרויסען נאציאנאלען אידעאל; אז ער איז אימשטאנד ביי אלע זיינע טאג-טעגליכע צרות זיך צו דערמאהנען, אז ער איז א קינד פון א גרויסען פאלק מיט א גלענצענדער פערגאנגענהייט און ער וויל, אז זיין פאלק זאל אויך האבען א גלענצענדע צוקונפט!

נישט די פארטיי-צוזאמענשטעלונג פון קאנגרעס איז דאס וויכטיגסטע, נאר די פערטרעטערשאפט פון די, אדער יענע גרופירונגען וועט געבען דעם קאנגרעס די נויטיגע אויטאריטעט — אומגעקעהרט, וואס מעהר די צעשפליטערונג וועט אויפהערען און פיל גרופירונגען, וואס זענען אין די לעצטע יאהרען ענטשטאנען, און האבען ווירקליך היינט נישט קיין שום עקזיסטענץ-בערעכטיגונג, — וועלען פערשווינדען, אלץ מעהר וועט איינטרעטען א קאנסאלידירונג אין די ציוניסטישע ריהען און אנ'אינטענזיווירונג פון דער אויפבוי-ארבייט אין ארץ-ישראל.

א גרויסער קאנסאלידירטער קאנגרעס וועט זיין דער בעסטער ענטפער, וואס דאס יודישע פאלק קאן געבען פאספילד'ן מיט זיינע חברים.

די דייטשע יודען טרונקען זיך אין א ים פון שנאה און אנטיסעמיטיזם

נאך 100 יאהר יודישע „גלייכבערעכטיגונג" זענען די דייטשע יודען געבליבען ענטוישט

(א בריף פון דייטשלאנד, ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט") :—: פון **יוסף האלענדער**

א שווערע גרויזאמע צייט לעבט איצט איבער דאס דייטשע יודענטום, א געדריקטע פינסטערניש רינגעלט דא ארום דאס יודישע לעבען און עס זענען נישטא קיין שום סימפטאמען, אז די שווערע און פינסטערע צייט דערנעהנטערט זיך ביסלעכווייז צו איהר סוף.

די אנטיסעמיטישע מכה האלט כסדר אין פערשפרייטען זיך צווישען דער יוגענד, צווישען די אקאדעמיקער און בעאמטע, אפילו צווישען די „קלאסען-בעוואוסטע" ארבייטער.

אפילו די ארבייטער-רעוואלוציע פון יאהר 1918, וועלכע האט געבוירען די רעפובליק מיט די דעמאקראטישסטע איינארדנונגען, האט נישט געהאט קיין ווירקונג אויף די דייטשען אין פרט צו יודען.

מיר האבען תמיד געגלויבט, אז דער אנטיסעמיטיזם ציהט זיין יניקה פון א מאנארכיסטישען רעזשים. מען האט אונז יודען תמיד איינגעארדענט, אז מיט'ן אראפשווענקען דעם מאנארכיזם פון דער אויבערפלאך וועט אויך קומען א סוף צום אנטיסעמיטיזם.

האבען די דייטשע יודען, וועמענס געשיכטע ס'איז אדורכגעוועבט מיט זייער בלוט און טרעהרען, הארציג זיך געפרעהט מיט דער דייטשער רעפובליק. זיי האבען אין יאהר 1918 געבראוועט א מין אמת'דיגע עמאנציפאציע-שמחה און מקריב געווען זייערע בעסטע קעפ פאר'ן נייעם דייטשלאנד. ראטענוי האט אוועקגעשטעלט די דייטשע אויסערן-פאליטיק אויף געזונדעסטע יסודות און פערשאפט דעם דייטשען פאלק דרך-ארץ. פרויס האט אריינגעלעגט זיין שכל און נשמה אין דער „וויימארער פערפאסונג", געגעבען איהר אייגענע מאראלע און פאליטישע ווערטען. אומצעהליגע אנדערע דייטשע יודען זענען ארויף אויף דער גייסטיגער און פאליטישער ארענע פון דער יונגער רעפובליק, דערהויבען זי איבער אלע דראהענדיגע געפאהרען, זי אויסגעבאוועט און טרייער, איבערגעבענער צערטליכקייט.

פאר אט די אלע ווערטפולע מתנות, וואס דאס דייטשע יודענטום האט אונטערגעטראגען דעם דייטשען פאלק, בעקומט עס בעצאהלט מיט רדיפות און שפאט. די טענה פון די אנטיסעמיטען, אז יודען פערכאפען די בעסטע ווירטשאפטליכע פאזיציעס, אז זיי בעהערשען דעם שטאאט, פאליטיק, ליטעראטור און וויסענשאפט, איז נישט מעהר, ווי א פוסטער תירוץ.

מיר זעהען דאך באשיינבערליך אז גראד איצט, ווען קיין שום יוד פיהרט נישט אן מיט'ן מלוכה-אפאראט, ווען כמעט אין קיין שום הויכע אמט-שטעלען איז נישטא מעהר קיין יוד, און פונדעסטוועגען איז דער אנטיסעמיטיזם נישט שוואכער, נור פיל שטארקער געווארען.

און אין וואס, מ'שטייגט געזאגט, קאן מען איצט בנוגע עשירות מקנא זיין דעם דייטשען יודען?... קאן מען דען דעם ווירטשאפטליכען מצב פון די ברייטע יודישע פאלקס-שיכטען מעסטען לויט דעם אנגעשוואלענעם געלד-בייטעל פון עטליכע מנינים רייכע, יא, זעהר רייכע יודען? דער נאך-מלחמה קריזיס האט א סוף געמאכט צום יודישען מיטעלשטאנד-קלאס! די יודישע לאנד-בעפעלקערונג, וועלכע איז געווען די שטארקסטע ווירטשאפטליכע און רעליגיעזע שיכט פון דייטשען יודענטום איז חרוב געווארען. איהרע בעסטע כחות זענען צושטייבט און פינאנדערגעווארפען געווארען אין די שטארק-בעפעלקערטע שטעט די אונטערגעוואקסענע יודישע יוגענד קאן זיך נישט מעהר אבגעבען מיט די פרנסות פון די זיידעס און טאטעס. די ווירטשאפטליכע פאזיציעס פון געלטען זענען היינט בית הקברות'ן. נייע פאזיציעס לאזען זיך נישט עראבערען. דער סאציאלער איבערברוך אינ'ם יודישען לעבען צייטיגט א מורא'דיגען קריזיס מיט א אונגעהוירער עפידעמישער ארבייטסלאזיגקייט.

וואס איז אייגענטליך די סבה פון דער קאכענדיגער שנאה געגען יודען? מוז מען טאקי קומען צו דער מסקנא, אז די דייטשען האבען פשוט פיינד יעדען יודען, נור דער וואוקס פון דער העצערישער שטימונג איז א סך אפהענגיג פון זייער מצב, געהט זיי גוט, איז נישטא קיין ברען-מאטעריאל, בלייבט די יודען שנאה א דרימעלדיגע, נישט קיין אקטיווע. געהט די, דייטשען שלעכט, נעמט מען אפויר די טארבע און מען הויבט אן אויסשיטען די חמאים פון מענשען-פרעסערישער רעליגיע, עלילת-דם, יודישער וועלט-ממשלה א. אז. וו.

פרווט מען וועלען פערשטעהען די שטעלונג פון אפיציעלען פאליטישען דייטשלאנד לגבי די יודען, בלייבט מען שטעהן פאר א רעטעניש, מען פאלט ממש אריין אין א פעסימיזם און ס'באנקראטירט דער גלויבען אין וועלכען ס'איז קולטורעלען פארשריט.

אין טיורינגען ווערען די שולקינדער דערצויגען צו אפענער שנאה. אקאדעמישע מחבלים, וועלכע זענען פון גייסטיגע דייטשלאנד גע'פסל'ט געווארען אלס דערציהער, ווערען דארט געשטעלט אן דער שפיץ פון אוניווערזיטעטען. ראסען לעהרע איז א פערפליכטענדער למוד. דער פונק פון מענשען-ליבע ווערט מיט געוואלט אויסגעלאשען.

אין פיל שטעדט, וואו נאציאנאליסטען פיהרען אן מיט דער קאמונאלער פאליטיק, ווערט קודם-כל אריינגעפיהרט די העכסטע בעשטייערונג פאר די סחורה-הייזער, נישט, חלילה, צוליב גערעכטיגקייטס-טעמים, נור מיט דער כונה צו דערלאנגען א טויט-קלאפ דעם יודישען קאפיטאל. יודען ווערען ארויסגעווארפען פון די קאמיסיעס פאר קולטורעלער ארבייט, פאר סאניטארער אויפזיכט. מען פלאגט און מען יאגט זיי אויף אלערליי אופנים, כדי אזוי ארום צו קענען ברעכען זייער ווידערשטאנד-קראפט.

אין דייטשלאנד פון יאהר 1930 איז אפילו מעגליך געווען אזא פאל: ליגט זיך נעבעך א יוד שוין פולע צוויי יאהר אין א פראנקפורטער שפיטאל. טרעפט זיך אז דער דאקטאר, וואס האט אוהם בעהאנדעלט, מוז אוועק אויף עטליכע חדשים. אויף זיין ארט קומט אנ'אנדערער, א דעקארירטער מיט'ן האקענקרייץ. דאס אונגליק וויל, אז דער יוד זאל „געהיילט" ווערען פון זיינע רפואות. דער דאקטאר שפילט זיך מיט אוהם אזוי לאנג, ביז ס'ווערט כלומרשט נויטיג א אפעראציע, וועלכע ענדיגט זיך מיט'ן פערלוסט פון חולה'ס ביידע פיס און מיט א איבערבלייבעניש פון א פרעסענדיגער קראנקהייט.

דער בערלינער „פארווערטס" האט דאס פערברעכען פון נאציאנאל-סאציאליסטישען דאקטאר פאפולער געמאכט און געפאדערט א שטרענגע שטראף. — — — — — ס'איז קיינעם נאך נישט

(ענדע זייט 10)

יודיש טעאטער „פילהארמאניע"
נארוטאוויטשא 20.

איילט צו זעהן די לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען
פון בערימטען ארטיסט פון סטאניסלאווסקי'ס קונסט-טעאטער אין מאסקווא, פיסקאטאר-טעאטער אין בערלין, מאריס שווארצ'ס יודיש קונסט - טעאטער

פאול באראטאוו

היינט פרייטאג, מארגען שבת ד. 27., זונטאג, ד. 28 דעצ. 9 אווענד
פרעמיערע! צום 1. מאל אין לאדז! גרויסע סענסאציע פון פאריזער און אמעריקאנער טעאטערס

יא א מאן—נישט א מאן??..
דראמא אין 4 אקטען פון ר. פרידמאן. הויפט-ראל פאול באראטאוו.

שבת ד. 27 דעצ. 4 נאכמ. צו ביליגע פרייזען פון 80 גראשען אן
„גאט פון נקמה" דראמא אין 3 אקטען פון שלום אש.
הויפט-ראל „יענקל שאפשעוויטש" — פאול באראטאוו.

מאנטאג ד. 29 דעצ. פאפולערע פארשטעלונג פון 80 גראשען אן
„הינקעמאן" טראגעדיע אין 3 אקטען (6 בילדער) פון ערנסט טאלער
הויפט-ראל „הינקעמאן" פיהרט אויף פאול באראטאוו.

אכטונג! גרייט זיך אויף דינסטאג ד. 30 דעצעמבער צום בענעפיס און געזעגנונגס-אווענד פון פאול באראטאוו. פרטים קומען!

ס'נעמען אנטייל: פרויען: מ. ראזען, ש. פלאום י. פלאום, מ. פאזנאנסקא. מענער: מ. אייזענבערג, ה. בראקארזש, י. גרינהויז, ב. גורוויטש, י. וויינבערג, מ. מעלמאן, מ. פאזנאנסקי, א. קורץ, ה. פלאום. סופליאר מ. אייזענבערג.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע."

אין די צוואַנגען פון אַדאָלף היטלער

פון
ד"ר. יהושע טהאָן

געקומען, געזעהען און — געזיגט.
אָט דאָס איז אין דריי ווערטער די קאַריערע פון אַדאָלף היטלער. מיט איהם און דורך איהם האָט דער נאַציאָנאַליזם פון גודערגסטען און טומעלדיגסטען סאָרט צעזעצט די מלוכה'שע גרענעצען. אַ פרעמדער, אָהן בורגער־רעכט דייטשלאַנד, איז ער געוואָרען דער אומגעקרוינטער הערשער פון דייטשלאַנד, און וואַרפט אין זיין אייזערנעם ווילען דעם 60־מיליאָנען פאָלק — דאָס „פאָלק", — ווי עס רופט זיך גערן אַליין צובעצייכנען — „פון דענקער און פּאָעטען". אַנ'אַוואַנטוריסט פון גרויסען סטיל מיט אַ טונקעלער פערגאַנגענהייט, איז איהם געלונגען, מיט זיין וואָרט, און נאָך מעהר מיט זיין שטים צו פערהיפּנאָטיזירען מיליאָנען דייטשען און נאָך מעהר די דייטשקעס, — אַז זיין וואָרט איז געוואָרען אַ בעפעהל, ער פיהרט וואָס אַנ'אמת זיינע פּאָליטישע אינטערעסען דורך „אַנ'אונטערגעשטעלטע" פּערזאָן, וואָס שפּילט די ראָל פון זיין „פּראָקוראַנט" אין פּאַרלאַמענט, אָבער אויף דער גאַס איז ער אַליין דער דיקטאַטאָר. מעהר פון 6 מיליאָן וועהלער און וועהלערינען, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דער גרעסטער רוב פרויען, האָבען אויסגעדריקט זייער פרייען און אונגעצוואונגענעם ווילען אונטערצוגעבען זיך די „ערהאַבענע" אידעאַלען און דעם מעטיגען ווילען פון אַדאָלף היטלער.

און זיינע „אידעאַלען" זענען ווי פערגיפטעטע פייַלען, וואָס דראָהען אַליין און אַלעמען, וואָס איז נישט דייטש. היטלער'ס אידעאָלאָגיע איז איין גרויס געזאַנג פון שנאה, נקמה און פערניכטונג. אום מיט שנאה האָט ער אויסגעגאָסען אויף דייטשלאַנד און לאַדענט אַז דאָס לאַנד מיט אַ שרעקליך פולווער, וואָס וועט אויפרייסען גאַנץ אייראָפּע און צוזאַמען מיט איהר אפשר נאָך אויך דעם גאַנצען כבוד העולם. מען קאָן אייגענטליך נישט זאָגען, אַז היטלער פּרעדיגט שנאה נאָר צו זיי, וואָס האָבען פאַקטיש עפּעס צוגענומען פון דייטשלאַנד. ער האָט ווייטערע און ברייטערע מלחמה־צילען: איהם האָט זיך אייגענטליך פאַרגלוסט דאָס, וואָס עס איז נאָך נישט געלונגען קיין שום געקרוינטען גרויס־מאַכער — צו ווערען דער הערשער פון דער וועלט. וועגען קייזער ווילהעלם איז אין דער וועלט־מלחמה אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, אַז יעדעס מאָל, ווען אַ נייע מלוכה האָט איהם ערקלערט מלחמה, האָט ער אַ זאָג געטאָן: וואָס, דאָס דאָזיגע לאַנד, וויל שוין אויך געהערען צו דייטשלאַנד?... אַז אַזעלכע מלוכות, זענען ווי בעוואוסט געווען זעהר פיל, נאָר קיין איינציגע פון זיי איז נישט געבליבען הענגען אין עק פון דייטשלאַנד. אַדאָלף היטלער וואָלט דאָס איצט געוואָלט גרינטליך ענדערן.

און דער דאָזיגער ווילדער מאַניאַק האַלט איצט דייטשלאַנד אין זיינע אייזערנע צוואַנגען און לאָזט איהר נישט מאַכען קיין פרייע בעוועגונג.

דייטשלאַנד אַלס כלל, וויל געוויס קיין מלחמה. אין די לעצטע 10 יאָהר האָט זיך דאָך דאָרט אַרויסגערוקט אויפ'ן אויבען־אָן דאָס בעסטע, וואָס געפינט זיך נאָר אין דעם דאָזיגען ווירקליך־פעהיגען פאָלק. דייטשלאַנד איז נישט געגאַנגען קיין „קאַנאָסא", וואוהין מ'האָט זי פון אַלע זייטען געשטופּט, נאָר קיין לאָקאַרנאָ. דייטשלאַנד צאָהלט דאָך אומגעהויערע מיליאַרדען און זי מאַכט דערביי כמעט קיין טענות נישט. דייטשלאַנד איז זיך אין אַ געוויסער־מאָס מודה אין דער שולד, און זיי נעמען אויף זיך דעם עונש פאַר דער זינד. מ'האָט אַלזאָ געקענט מיינען, אַז פון דער צייט דראָהט שוין פאַקטיש גאָרנישט דער וועלט. אין אָדער צוויי דורות ערצויגען אין די אידעאַלען פון פרידען און איינהייט צווישען די פעלקער, וועט דייטשלאַנד ווערען אַ מעכטיגער זייל פון אייביגען שלום, ווייסט מען דאָך, אַז די דייטשען זענען פעהיג צו זיין אַפּאָסטאָלען פון הויכע אידעאַלען. געווען אַ מאָמענט, ווען די מענשען האָבען שוין אָנגעהויבען פרייער צו ציהען דעם אָטעם אין דער ברוסט, כדי וואָס טיפער אַבצוועמען דעם קאָשמאַר, וואָס עס האָט אַרויסגערופען נישט בלויז די מלחמה, נאָר אויך די ערשטע פּאָר יאָהר נאָך דער מלחמה, איז אַ קום אונטערגעגעבען אַדאָלף היטלער און ווידער איז איינגעהאַלטען געוואָרען דער אָטעם אין דער ברוסט.

ווער איז אַדאָלף היטלער! וואָס פאַר אַ טייוולישע כוחות האָבען איהם אויף דער וועלט געבראַכט?

אַלבערט איינשטיין זאָגט: היטלער איז געבוירען געוואָרען אין ליידיגען, הונגעריגען מאָגען. אַזוי ווי די זויערע זאַפטען פון אַ ליידיגען און הונגעריגען מאָגען וואָלטען געוועזען די פּאַסיגסטע שפּייז צו ערנעהרען און צו ענטוויקלען דעם היטלעריזם.

אין די דאָזיגע ווערטער, קאָן זיין ליגט אַ גרויסער שטיק אמת. הונגער איז אַ שלעכטער בעל־יועץ, — און אין דייטשלאַנד איז מען נישט זאַט. קנאַפּע 3 מיליאָן אַרבייטסלאָזע, אַ מיטעלשטאַנד, וואָס איז אינגאַנצען צובראָכען, דאָס איז גלייך, ווי אַ שרעקליכע כוואַליע וואָלט איבערגעריסען אַ מעכטיגע טאַמע, און דער פערגיפטענדער עלעמענט בעקומט אַ פרייען וועג צו רייסען און פערניכטען. עס איז זעהר מעגליך, אַז דער שרעקליכער אויסגעשריי: הונגער! הונגער, וואָס הערט זיך איצט אויף די גאַסען פון בערלין, נעבען די געוועלבער און מאַגאַזינען פון לעבענס־מיטעל, האָט זעהר פיל מיטגעהאָלפען צו היטלער'ס נצחון. אָבער דאָס קאָן אונז נישט ערקלערען אַלץ. אין אַנדערע לענדער איז דאָך אויך פערהאַן אַנ'אַרבייטסלאָזיגקייט און הונגער, און אין מאַנכע אפשר נאָך מעהר, ווי אין דייטשלאַנד, אָדער אַזעלכע קראַנקהאַפטע און געפעהרליכע ערשיינונגען, ווי אין דייטשלאַנד איז אין ערגעץ נישט צו בעמערקען. היטלער פערבלייבט אויסשליסליך אַ דייטשע ספּעציאַליטעט. נאָר אין דייטשלאַנד אָרגאַניזירט היטלער אָנפאַלען אויף יודען — אויף לעבעדיגע אָדער אויף טויטע, וואָס רוהען שוין לאַנג אין די קברים. היטלער גיט אַרויס אַ פערבאָט צו דעמאָנסטרירען דעם רעמאַרק־פילם, וואַהרשיינליך בלויז דערפאַר, וואָס ער איז צו פּאַציפיסטיש. אגב איז דעם דאָזיגען רעמאַרק זעהר שטאַרק געלונגען אויף אונזער וועלט. אין אַ פינפציג הונדערט יאָהר, וועט מען ציטירען רעמאַרק'ס ווערק און זיך וואונדערן איבער דעם „אידיאָטישען" רעמאַרק־דור, וואָס האָט איהם געגעבען הונדערטער טויזענדער לעזער און מיליאָנען געלד־מאַרק. גוט, גוט — קיין נייעם רענעסאַנס שטעלט רעמאַרק צוזאַמען מיט זיין „קינדעל"־פּאַציפיזם, נישט פאַר... עס איז אָבער נישט קיין קלענערער פאַקט, אַז דער בורזשוי פון די 30־יאָהרען פון 20־יאָהרהונדערט עסט זיך אָן מיט פּאַציפיזם פון רעמאַרק'ן און ער וואָלט געוואָלט בערוהיגען זיינע פּאַציפיסטישע הצטרכות'ן פון דעם דאָזיגען אויטאָר, וואָס איז איהם אַזוי שטאַרק פערשטענדליך. און דער דאָזיגער בורזשוי וויל איהם נישט בלויז „דורכלעבען" אינ'ם בוך, נאָר ער וויל איהם אויך זעהן אין אַ לעבעדיגען פילם. און דאָס מאַכט גליקליך נישט אַדאָלף היטלער. און דאָס דייטשע פאָלק האָרכט איהם.

צי מאַכט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק איז הונגעריג! צי האָט בלויז דער הונגער פרייגעמאַכט דעם וועג פאַר היטלער'ס נצחון?

דאָס וואָלט געווען צו וועניג.

איהם האָט אויך צוגעהאָלפען דער מיליטאַריזם, וואָס וויל בשום אופן נישט אָפּדינגען. די שמערצליכע ענטוישונג, וואָס מען האָט אַזוי פיל מאָל געהאַט אויף די ענטוואָפענונגס־קאָנפערענצען אין גענף, וועלכע זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּאַרס — אָט דאָס האָט מכשיר געווען דעם באָדען פאַר היטלער'ן, אָט דאָס האָט פאַר איהם געאַקערט און געזייהט. און שניידען, שניידעט היטלער. דאָס דאַרף מען נעמען צו קענטעניס.

געוויס איז גאַנץ מעגליך, אַז דייטשלאַנד איז נישט אַזוי שטאַרק ענטוואָפענט, ווי עס פאָדערט דער ווערסאַילער טראַקטאַט. עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז ערגיץ דאָרט פערשטעקט געפינען זיך נישט קיין געהיימע אַמוניציע־סקלאַדען, און אַז אונטער אַזאַ אָדער אַנ'אַנדערע פאָרם ווערען נישט אויסגעבילדעט קיין מיליטערישע קאַדרען. עס איז אפשר אויך מעגליך, הגם שוין אַ סך וועניגער וואַהרשיינליך, — אַז דייטשלאַנד האָט פערלייגט איהרע אַמוניציע־פאַבריקען און געוועהר־מאַגאַזינען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, דאָס אַלץ איז אפשר מעגליך און די וועלט קוקט דערויף מיט אַ חשד. עס איז אָבער אויך נישט קיין קלענערער פאַקט, אַז אַלע אַנדערע מלוכות זענען בעדייטענד מעהר בעוואָפענט, ווי דייטשלאַנד. אַ פאַקט איז, אַז עס קומט פאַר אַ פאַרמעלער „[illegible]" אויף בעוואָפענען זיך, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטען פאַר דער מלחמה. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אַזויפיל אָנגעלאַדענע האַרמאַטען, קאַנאָנען און אַ שעה־גאַנג העלען טאָג פלוצלינג אָנהויבען צו שיסען, זובענדיג אַנ'אויסגאַנג פאַר זייער פרייער. און ענדליך איז אויך אַ פאַקט, אַז די מלוכות, וואָס זענען נישט געבונדען מיט קיין טראַקטאַטען רעדען זעהר אָפט מיט שטאָלץ וועגען זייער מיליטערישער קראַפט. צי קענען אַזעלכע ערשיינונגען נישט אַרויסרופען, — לאָמיר זאָגען — אַ קאָפּ־שווינדעל ביי דעם, וואָס עס איז שטענדיג פערבאָטען צו בעוואָפענען זיך, און דער קאָפּ־שווינדעל קאָן זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער ווייסט נישט ווייטער, וואָס ער טוט, און ער וועט ענדליך אָפּטאָן עפּעס אומזיס, וואָס קאָן האָבען שרעקליכע פאָלגען פאַר איהם אַליין און פאַר אַנדערע.

מיר קומען, בכן, צו אָט דער אויספיהרונג: אַלע ערשיינונגען פון וואָהנזין, זענען אַ פּועל־יוצא פון דער נישט אויסגעקלערטער לאַגע צווישען די פערבערייטונגען צו מלחמה, און דעקלאַמאַציעס וועגען שלום. אַזאַ מצב מוז אַרויסברענגען אויף דער וועלט דאָס, וואָס איז אַמייסטען קראַנקהאַפט און אומנאָרמאַל.

היטלער איז אויסגעוואַקסען — אויף דער רביעות פון אייראָפּע. און ער איז פאַר איהר אַ געוואַלטיגע און שרעקליכע געפאַהר. נאָר אין דער פינסטער קאָן געבוירען ווערען אַ היטלעריזם. ביים ליכט פון דער זון מוזען אַזעלכע פּאַטאָלאָגישע געשעפענישען פערשוואונדען ווערען.

שאַפט אַ וועלט פון אמת, גיט אַ פולען און נישט צביעות'דיגען שלום, און עס וועלען פערשוואונדען ווערען אַזעלכע פיגורען, ווי אַדאָלף היטלער, וואָס שפּייזט זיך פון שנאה און שפּייזט די גאַנצע וועלט מיט שנאה, פערגיפטענדיג איהר נשמה.

——=0§0=——

די ליכטיגע און פינסטערע צייטען פון די יודען אין שפּאַניען

(לויט נייע היסטאָרישע מאַטעריאַלען)

פון
ד"ר ז. קאַדיש

די געשיכטע פון די יודען אין שפּאַניען איז אַ פּאָפּולערע טעמע ביי אונז. דער דורכשניטליכער יוד איז מיט דעם מעהר בעקאַנט, ווי מיט דער געשיכטע פון די יודען אין אַנדערע לענדער. די אורזאַך דערפון זענען די אונגעוועהנליכע צרות און קאַטאַסטראָפען, וואָס די שפּאַנישע יודען האָבען דורכגעמאַכט. ווען אַ יוד הערט היינט וועגען דער געשיכטע פון די יודען אין שפּאַניען, שטעלט ער זיך באַלד פאַר די אויגען דעם גירוש און די אינקוויזיציע, וואו מען האָט געפּייניגט די אנוסים (מאַראַנען).

אָבער די געשיכטע פון די יודען אין שפּאַניען איז וויכטיג נישט בלויז צוליב די שרעקליכע צרות און קאַטאַסטראָפען און וועלכע זי דערצעהלט אונז. נאָך מעהר איז זי וויכטיג צוליב דעם, וואָס אין קיין אַנדער לאַנד פון גלות האָבען זיך נישט אַזוי הויך ענטוויקעלט די עקאָנאָמישע און גייסטיגע כוחות פון יודישען פאָלק. דאָרט, אין שפּאַניען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען אַלע קרעפטען פון דער קריסטליכער און מאַכמעדאַנישער קולטור פון מיטעלאַלטער און דאָרט איז אויך געווען דער מיטעלפּונקט פון אַלע יודישע גייסטיגע טעטיגקייטען און אַלע יודישע באַוועגונגען פון די מזרח־ און מערב־לענדער.

דאָך, אָבער, איז די יודישע געשיכטע אין שפּאַניען נאָך ביז איצט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרען. מיר זענען נאָך פאָרלויפיג גאַנץ ווייט פון האָבען אַ ריכטיגען, גאַנצען און פולען בילד פון דעם עקאָנאָמישען לעבען און פון דער קולטור פון די יודען אין שפּאַניען און בכלל פון די פערהעלטנישען און צושטאַנדען, אין וועלכע זיי האָבען דאָרט געלעבט.

יודישע געלעהרטע האָבען אין דער לעצטער צייט נישט פיל געאַרבייט אין אויספאָרשען די געשיכטע פון די יודען אין שפּאַניען. אַ סך מעהר האָבען שפּאַנישע געלעהרטע אויפגעטאָן אויף דעם דאָזיגען געביט פון דער יודישער וויסענשאַפט, וואָרום די שפּאַנייער האָבען איצט בעקומען אַ גרויסען אינטערעס צו יודישער געשיכטע און קולטור.

לעצטענס האָט אויך אַ גרויסער יודישער געשיכטע־פאָרשער פון דייטשלאַנד, פריץ בער, זיך גענומען צו דעם דאָזיגען טייל פון דער יודישער געשיכטע. ער האָט פאַר אָט דעם צוועק שוין געמאַכט אַ פּאָר רייזעס קיין שפּאַניען און דאָרט געזוכט און געפאָרשט אין די אַרכיווען. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אַרבייט איז אַ דיק בוך מיט היסטאָרישע דאָקומענטען, וואָס ער האָט איצט פערעפענטליכט אין בערלין.

* * *

פריץ בער'ס סקיצען־בוך פון דער יודישער געשיכטע אין שפּאַניען בעציהט זיך בלויז אויף דער יודישער געשיכטע און קולטור אין די קריסטליך־שפּאַנישע מלוכות, וואָרום פון 13־יאָהרהונדערט אָן איז דער צענטער פון יודישען לעבען אין שפּאַניען געלעגען אין דעם קריסטליכען צפון פון דעם לאַנד, נישט אין דעם אַראַבישען דרום.

אין די דאָזיגע קריסטליכע מלוכות פון דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל (קאַסטיליען, אַראַגאָניען און פּאָרטוגאַל זענען געווען די גרעסטע צווישען זיי) האָבען יודען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צוליב זייער גרויסער צאָהל און צוליב דער שטאַרקער עקאָנאָמישער קראַפט, וואָס זיי האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך. אָט די עקאָנאָמישע פּאָזיציע האָבען זיי פאַרנומען נאָך פריהער, ווען שפּאַניען איז נאָך כמעט אינגאַנצען געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער און זיי האָבען זיך נישט פערלאָרען אויך נאָכדעם אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט.

צוליב דער וויכטיגער עקאָנאָמישער בעדייטונג פון די יודען, האָט די מלוכה, די קריסטליכע מלוכה אין שפּאַניען, נישט געוואָלט און אויך נישט געקענט אויסקומען אָהן זיי. זי, די מלוכה, האָט געשטרעבט זיך אויסצושפּרייטען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, און האָט געמוזט רעכענען מיט דער פּאָזיציע וואָס יודען האָבען פערנומען אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד.

די יודען זענען דעמאָלט געווען בלויז געדולדעטע אונטערטאַנען פון דער מלוכה און זענען געשטאַנען דירעקט אונטער דער הערשאַפט און דעם שוץ פון דעם האַר פון'ם לאַנד. דער קעניג האָט גענומען פון זיי מיט זיי, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זיי געמעגט בעהאַנדלען לויט זיין ווילען און קאַפּריז. ער האָט זיי אויך געמעגט אַרויסטרייבען, אָדער אפילו פערקויפען פאַר שקלאַפען.

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ טעאָריע, אַ פּרינציפּ, וואָס האָט אין דער פּראַקטיק גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן. אין דער פּראַקטיק, האָט דער דאָזיגער פּרינציפּ זיך אויסגעדריקט בלויז אין דעם, וואָס מען האָט גענומען פון יודען אַזעלכע שטייערען, וועלכע האָבען קוים זיי געגעבען אַ מעגליכקייט צו עקזיסטירען. טעאָרעטיש האָט דער קעניג געמעגט טון מיט זיינע יודען, וואָס ער האָט געוואָלט; אָבער אין דער פּראַקטיק האָט ער זיי בעשיצט און האָט געהאַלטען אין זיין הויף יודישע געלעהרטע און יודישע דיכטער, זיי זאָלען איהם העלפען לייזען די פינאַנציעלע און קולטורעלע פּראָבלעמען פון דער מלוכה.

דעם קעניג'ס מאַסשטאַב אין זיין בעהאַנדלען די יודען איז געוועהנליך געווען זיין עקאָנאָמישע פּאָליטיק. אָבער ער האָט, פערשטעהט זיך, אויך געמוזט זיך רעכענען מיט די פאָרשריפטען פון דער קריסטליכער קירך. בעזונדערס האָט ער געמוזט פאָלגען יענע פאָרשריפטען, וועלכע האָבען געזוכט אָבצוזונדערן די אומגלויביגע פון די קריסטען אין מענשליכען פערקעהר, אין וואוינונג און קליידונג. דער קעניג האָט אויך קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט העלפען די גלחים אָבשמד'ן די יודען.

די יודישע פּאָליטיק פון דעם קעניג, איז, אַלזאָ, געווען צום גרעסטען טייל בעהערשט פון זיין עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אַזוי איז עס יעדענפאַלס געווען ביז הונדערט יאָהר פאַר דעם גירוש, ביז דעם יאָהר 1391, ווען עס זענען פאָרגעקומען די גרויסע פּאָגראָמען און שחיטות אויף די שפּאַנישע יודען און גאַנץ שפּאַניען איז פול געוואָרען מיט געשמדטע יודען. פון דעמאָלט אָן האָבען די רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען פון שפּאַניען איבערגעוואויגען די עקאָנאָמישע, און דאָס האָט סוף כל סוף געפיהרט צו דעם גירוש. אויף יעדען פאַל אָבער האָבען די קעניגען פון די קריסטליכע מלוכות אין שפּאַניען ביז צום לעצטען אייגענבליק געזוכט צו בעשיצען די יודען פון די געוואַלד־טאַטען פון דעם פאַנאַטישען און אָנגעהעצטען המון.

* * *

לויט אונזערע היינטיגע בעגריפען זענען די יודישע קהלות אין קריסטליכען שפּאַניען נישט געווען קיין געוואַלדיג גרויסע. אין די גרויסע שטעדט: אין באַרצעלאָנאַ, וואַלענסיאַ, סעווילא, טאָלעדאָ זענען ביים סוף פון 14־טען יאָהרהונדערט, הונדערט יאָהר פאַר'ן גירוש, געווען יודישע געמיינדעס, וואו עס האָבען געלעבט אַנ'ערך צו טויזענד יודישע פאַמיליעס. אין די מיטעלע און קליינע שטעדט זענען געווען יודישע קהילות מיט אַנ'ערך צוויי הונדערט ביז פיר הונדערט יודישע פאַמיליעס. יודען האָבען דאָרט אויסגעמאַכט פון אַ פינפטעל ביז אַ דריטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

אַלס שטאָטישע איינוואוינער האָבען די שפּאַנישע יודען גענומען אַנ'אָנטייל אין אַלע צווייגען פון האַנדעל און אין אַלע מלאכות פון די שטעט און יענע צייטען. אין אינגאַנצע שטעט אין צפון־שפּאַניען איז דער טוך־האַנדעל אין אַנהויב געלעגען אינגאַנצען אין יודישע הענד. אפילו נאָך אין 14־טען יאָהרהונדערט זענען די יודישע טוך־הענדלער געווען געפעהרליכע קאָנקורענטען פאַר די קריסטליכע סוחרים. די יודישע טוך־הענדלער זענען אויך געווען די חשובע, בעלי־הבתים, די מיוחסים אין די יודישע געמיינדעס.

נאָך די יודישע טוך־הענדלער קומען די יודישע וועבער און פאַרבער. די דאָזיגע יודישע בעלי־מלאכות האָבען נאָכ'ן גירוש געבראַכט זייער האַנדווערקער קיין טערקיי און עס דאָרט ענטוויקעלט.

די שפּאַנישע אַרכיוועס האָבען בעוויזען, אַז די יודישע בעלי־מלאכות אין שפּאַניען זענען געווען פעראייניגט אין צעכען, אין האַנדווערקער־פעראיינען. אָבער פונקט ווי די קריסטליכע צעכען אין יענע צייטען, זענען אויך די יודישע געווען מעהר חברות פאַר רעליגיעזע און צדקה־צוועקען, ווי עקאָנאָמישע פעראיינען. די יודישע צעכען האָבען געהאַט זייערע אייגענע שוהלען און האָבען פערנומען, אָדער יעדענפאַלס געזוכט צו פערנעהמען אַ בעזונדערע פּאָזיציע אין דער קהלה.

די ברייטערע מאַסע פון די יודישע קהילות אין שפּאַניען איז בעשטאַנען פון בעלי מלאכות, אָבער נישט בלויז די ליכטע, נאָר אויך די שווערע מלאכות זענען געווען גוט פערטראָטען. ווען די רעגירונג פון פּאָרטוגאַל האָט, אין יאָהר 1492, געעפענט די גרענעצען פאַר די יודען, וועלכע זענען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען, האָט זי געגעבען בעזונדערע פּריווילעגיעס די יודישע שמידען און די יודישע האַנדווערקער, וועלכע האָבען זיך פערנומען מיט מאַכען געוועהר.

אין די מיטעלע און קליינע שטעט זענען די יודען געווען די פיהרער פון מלאכות און האַנדעל. אין די האַנדלס־שטעט האָבען יודען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס מעקלער און אויך אַלס הענדלער מיט אַנדערע לענדער. דער האַנדעל פון מיטעללענדישען ים איז געווען אַ ירושה פון די שפּאַנישע יודען נאָך פון דער צייט, ווען די אַראַבער האָבען געהערשט אין שפּאַניען. זיי, די שפּאַנישע יודען האָבען געהאַט גוטע פערבינדונגען מיט די לענדער אין צפון־אַפריקאַ, וועלכע ליגען אַנטקעגען, אויף דער אַנדערער זייט פון מיטעללענדישען ים, און אויך מיט דעם אינזעל ציפּערען, מיט אַלעקסאַנדריען און מיט ארץ ישראל.

צוליב דעם יודישען ים־האַנדעל מיט אַנדערע לענדער, האָבען אויפגעבליהט יודישע געמיינדעס אין די האַנדעלס־שטעט פון צפון מערב־שפּאַניען, בעזונדערס אין סאַנט־יאַגאָ. אויך אין דעם אויפבליהענדען האַנדעל אין ליסאַבאָן האָבען יודען גענומען אַ לעבהאַפטען אָנטייל. די פערבינדונגען פון די יודישע טוך־הענדלער אין ליסאַבאָן האָבען דערגרייכט אַזוי ווייט, ווי ביז אין בעלגיען. יודען האָבען זיך אויך בעטייליגט אין דער גרינדונג פון די ערשטע פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אין אַפריקא.

* * *

אַזוי האָט געבליהט דאָס יודישע לעבען אין שפּאַניען ביז דעם פינסטערען גירוש אין יאָהר 1492, ווען די פערטריבענע יודען האָבען אין זייער פערצווייפלונג געשוואוירען נישט צוריקצוקומען מעהר אין דעם לאַנד

פון דער סדרה

ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדני.

יהודה, זאָגענדיג „בי אדוני" האָט געמיינט דעם אויבערשטען, ווי דער שטייגער איז פון צדיקים גמורים, זיי רעדען אַזוי, אַז דעם צוהערער דאַכט זיך, אַז זיי מיינען איהם, דערווייל מיינען זיי גאָר דעם מלך פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט זיך געפיהרט דוד המלך. ער האָט געשיקט זאָגען צו נבל'ען: „כה לחי ואתה שלום" (שמואל ב). דערויף זאָגט דער זוהר (וישלח קע"א) אַז דערמיט האָט דוד געמיינט דעם אויבערשטען, דען צו אַ רשע טאָר מען נישט מקדים זיין קיין שלום, דאָס זעלביגע זאָגט דער זוהר, אַז דאָס, וואָס יעקב אבינו האָט זיך געבוקט 7 מאָל, ביז זיין אָנקומען צו עשיו'ן, האָט ער דאָס געטון צום אויבערשטען, אָבער נישט צו עשיו הרשע. און אַזוי האָט זיך אויך, ווי געזאָגט, געפיהרט יהודה. צום מלך המלכים האָט ער נעמליך געבעטען, נאָר ער האָט אַזוי געזאָגט, אַז יוסף'ן זאָל זיך דאַכטען, אַז ער מיינט איהם.

* * *

כי כמוך כפרעה

פרעה האָט געזאָגט (מקץ מד): „אני פרעה ובלעדיך לא ירים". דערויף זאָגט דער מדרש: פון דעם „איך" פון פרעה, קאָן מען לערנען דעם „איך" פונ'ם אויבערשטען. אָט דערמיט האָט יהודה בעדינגט זיין בקשה, וואָרים פונ'ם גרויסקייט פון פרעה, האָט ער געלערנט די גרויסקייט פון מלך המלכים. (באר מים חיים)

* * *

אדוני שאל את עבדיו לאמר, היש לכם אב או אח.

יוסף האָט געמאַכט די הויפּט־טענה, אַז דער בעכער איז אַזעלכע, וואָס קיינער פערמאָגט נישט אַזוי פיל, פאַר איהם צו בעצאָהלען, וואָרום מיט איהם מאַכט ער כשוף, אַז נישט דאָס, וואָלטען זיי דאָך געקענט בעצאָהלען כפל, ווי דער דין איז ביי אַ גנבה און פטור. דערויף האָט יהודה געזאָגט: „כמוך כפרעה, דו ביזט אַזאַ בלאָפער, ווי פרעה, דו קענסט אַזוי כשוף, ווי ער, אַ סימן, אדוני שאל את עבדיו לאמר, ווען דו האָסט געוואָלט וויסען, אויב מיר האָבען אַ פאָטער אָדער אַ ברודער, האָסטו דאָך געמוזט פרעגען ביי אונז, נישט ביים בעכער. (חיים מאליץ)

כי עבדך ערב את הנער.

אייגענטליך, וואָס איז געווען דאָס ערבות פון יהודה, סיי ווי וואָלטען זיי שטאַרבען פון הונגער, איז דאָך ממילא זיין גאַראַנטירען גאָרנישט. אָבער בעיקר האָט יעקב מורא געהאַט דערפאַר, אַז בנימין זאָל נישט פערבלייבען אויף שטענדיג אין מצרים, ווייל דאָרט האָט געהערשט אויסגעלאַסענקייט, תועבת מצרים; פאַר'ן מאָראַלישען טויט, מיתה נצחית, האָט זיך יעקב מצהר געשראָקען, איידער פאַר דעם קערפּערליכען טויט. יהודה האָט טאַקי ערב געווען פאַר ביידע וועלטען, אָט דאָס האָט ער געזאָגט: וחטאתי לאבי כל הימים. (רבי ר' יונתן אייבעשיץ)

* * *

דאָס ערבות אינ'ם יודישען פאָלק, „כל ישראל ערבין זה בזה", האָט זיך אָנגעהויבען פון יעקב אבינו. יעקב האָט מתקן געווען תפלת ערבית, דאָס איז אַ רמז אויף דעם יודישען ערבות, וואָס ס'איז דעמאָלט געוואָרען די התחלה, דעריבער ווען ראובן איז געקומען צו יעקב'ן, זאָגענדיג, „את שני בני תמית", האָט ער איהם נישט געהאָרכט, נאָר ווען יהודה איז געקומען מיט דער טענה „ואנכי אערבנו", האָט יעקב באַלד מסכים געווען, זייענדיג זיכער, אַז דערמיט וועט קומען די ישועה. די גאולה פון יודישען פאָלק וועט אויך קומען צוליב אחדות וריעות, וואָס איז די בחינה פון ערבות. (תפארת שלמה)

* * *

שמני אלקים לאדון לכל מצרים.

וואָס איז דאָס פאַר יעקב אבינו געווען אַזאַ גרויסע בשורה? אָבער דער פשט איז, יוסף האָט געהייסען איהם מבשר זיין, אַז דאָרט, אין מצרים, האָט ער בעקאַנט געמאַכט די געטליכקייט פונ'ם אויבערשטען, אַזוי ער איז דער אדון פון מצרים.

(ר' ישראלקי ריזינער)

פּערל פון אַלטען אוצר

געזאַמעלט — פון
פּ. ז. גליקסמאַן

* * *

רב עוד יוסף בני חי

דאָס וואָרט „עוד" מותרות, איבערפליסיגקייט, ד. ה., אַז יוסף הצדיק איז געבליבען ביי זיין צדקות; כאָטש ער איז געווען אין מצרים, אַ לאַנד פון מותרות, שטיפות זמה, דאָך לעבט ער אַ לעבען פון קדושה. (קדושת לוי)

* * *

ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק

יסורים זענען אַ טובה פאַר'ן מענש, וואָרום מיט זיי קומט מען אָפּ די זינד, אָבער בשעת די יסורים הערשען, איז מען נישט צופרידען, מען זאָגט: „לא הן ולא שקרן". נאָכדעם אָבער, ווי די יסורים זענען פערשוואונדען, דאַנקט מען שוין פאַר זיי דעם אויבערשטען. אַזוי יעקב, נאָכדעם, ווי ער האָט שוין אָפּגעליטען 22 יאָהר צוליב יוסף'ס אָבוועזענהייט, האָט ער געבראַכט קרבנות פאַר זיינע פריהערדיגע יסורים, וועלכע זענען אין דער בחינה פון „פחד יצחק", פון מדת הדין. (סדורו של שבת)

* * *

ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו.

אבא כהן ברדלא זאָגט: וועה איז אונז איבער דעם שטראָף־טאָג. בלעם איז געווען דער חכם פון די אומות העולם, דאָך ווען זיין אייזעל האָט איהם

(ענדע זייט 11)

אויסגעשאכטען א יודישע פאמיליע אין לעמבערג

באנדיטען ערמארדעט אנ'אלטע יודישע מוטער, איהר איידעם און זיין מעוברת'ע פרוי

ערמאָרדעט א גאַנצע יודישע פאַמיליע אין לעמבערג

לעמבערג, 25 (טעלעפאָניש צום „לאָדזער טאַגעבלאַט").

היינט איז דאָס יודישע לעמבערג איבערגעשרעקט געוואָרען פון א שרעקליכען מאָרד, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען איבער א יודישער פאַמיליע, א מאמע, איהר טאָכטער און איידעם, פערנאַכטיגער נאַכט.

באַנדיטען זענען בעפאַלען און מוטשען נאָכט די וואוינונג פון דערפאַמיליע גרעבער און האָבען אויסגעשאָכטען די 25-יעהריגע טאָכטער פעניע און איהר 23-יעהריגען מאַן מאַקס. די יונגע פרוי פעניע איז געווען מעוברת און 8-טען חודש.

די באַנדיטען האָבען די אומגליקליכע ערמאָרדעט אויף א בעסטיאַלישען אופן. די שטוב וואו דער מאָרד איז אויסגעפיהרט געוואָרען זעהט אוס ווי א שלאַכט-הויז. די ווענד און די פאָדלאָגע זענען בעשפריצט מיט בלוט און מיט מאָרך פון די קרבנות. די קערפער פון די ער-מאָרדעטע זענען צושניטען אויף שטיקלעך. אז עס באַפט אַרוס א גרויל, אַנ-צוקוקען דאָס גרויזאַמע בילד.

דער 60-יעהריגער זוהן פון דער ערמאָרדעטער רבקה גרינבער איז א אַנגעשטעלטער אין א וואַרשאווער באַנק. ער איז דעם זעלבען טאָג אַרויסגעפאָרען פון וואַרשאַ אויף בעזוך צו זיין אַלטער מוטער און איז אָנגעקומען פונקט נאָכדעם, ווי די באַנדיטען האָבען געהאַט אויסגעפיהרט דעם גרויזאַמען מאָרד. די מערדער זענען דאַן אַרויס דורך דער הינטער-טיר פון דער וואוינונג און מיט עטליכע מינוט שפּעטער איז דער אָנגעקומענער זוהן אַריין דורך דער פראָנט-טיר און עס איז איהם פונסטער געוואָרען פאַר די אויגען, דערזעהענדיג דאָס שוידערליכע בילד.

ער האָט געמאַכט א גוואַלד. עס זענען זיך צונויפגעלאָפען מענשען באַלד איז אויך אָנגעקומען פּאָליציי, וואָס האָט אונטערגענומען א שטרענגע אויספאָר-שונג.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז דאָס איז געווען א רויב-מאָרד. די באַנ-דיטען האָבען צוגענומען פערשידענע ווערט-זאַכען און געלד. די פּאָליציי האָט באַלד געמאַכט אַבלאַוועס אויף די באַנ-דיטען. דערווייל האָט מען זיי נישט געכאַפּט.

דער שרעקליכער מאָרד האָט אין לעמבערג געמאַכט א דערדריקענדען רושם.

בריף פון די פּויזנער פּראָפעסאָרען וועגען מעשה-בריסק

פּויזען, (טעלעפאָניש)

אין דער פּויזנער פּרעסע איז פאַר-עפענטליכט געוואָרען א אָפענער בריף פון די פּראָפעסאָרען פון דער פּויזנער אוניווערזיטעט וועגען ענין בריסק.

דער בריף איז אַדרעסירט צו די פּראָ-פעסאָרען וואָס האָבען א סך אַדער סענאַט-מאַנדאַט און האָט פאָלגענדען אינהאַלט:

„צו די חשוב'ע הערען פּראָפעסאָרען ד"ר סטעפאַן דאָמבראָווסקי, ד"ר אַל-פרעד אָהאַנאָוויטש, ד"ר באָהדאַן וויניאַר סקי.

אויפגעציטערט ביז'ן טיפסטען פון דער ידיעה וועגען די בריסקער אַרעס-טירטע, וואָס איז געבראַכט געוואָרען אין די רעפּוטאַטען אינטערפּעלאַציעס, סאָליחאַריזירענדיג זיך מיט די פּראָפע-סאָרען פון דער יאַגעלאָנישער אוניווער-זיטעט, ווענדען מיר זיך צו אַנזערע קאָ-לעגען-דעפּוטאַטען און סענאַטאָרן מיט'ן הייסען רוף, אז זיי זאָלען אין נאָמען פון דער עהרע און דעם וואוילזיין פון פּוילען מיט אַלע פוחות שטרעבען צו א פּולשטענדיגער בעלייכטונג פון ענין און צוזעהען די שולדיגע צו פעראַנט-וואָרטליכקייט."

אונטערן בריף זענען אונטערגעשריבע 50 פּראָפעסאָרען פון דער פּויזנער אוניווערזיטעט.

פיהרער פון „סעלראָב" אַפּעלאַציע-פּראָצעס

לובלין, (טעל.)

אויפ'ן 9. יאַנואַר איז בעשטימט געוואָרען אין לובלינער אַפּעלאַציע-געריכט דער פּראָצעס נעגען די פיהרער פון אוי-קראַאינישען סעלראָב-אינגהויט. אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק זיצען: געווז. דעפּוט. מאַקובקאַ סטעפאַן, רעד. שישערבאַק פּאַוועל, רעד. קאָסאַק וואַסיל, ניעדאַיאַ מיראָן, גרוצאַי דימיטר, קלימיוק פּי-ליפּ און האָווריליוק מיקאָלאַי, וועלכע זע-נען אויפ'ן סמך פון אורטייל פון לובלי-נער קרייז-געריכט פון 17. מאַי ד. י. פער'משפּט געוואָרען צו 6 יאָהר שווערע תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיגקייט.

ביוראָ פון ציוניסטישען קאנגרעס שויין טעטיג

קאַרלסבאַד, 25. (יט"א)

דאָס ביוראָ פון ציוניסטישען קאָנגרעס איז שוין טעטיג.

טעאטער און קונסט

חיה'לע גראבער
קומט קיין לאָדז

פרייטאָג דעם 2. יאַנואַר טרעט אויף אין „פילהאַרמאָניע" אויף אַנ'איינמאַלי-נען קאָנצערט אין דראַמע און ליד די בעוואוסטע „הבימה"-קינסטלערין חיה'-לע גראָבער.

פאַר די, וואָס געדענקען די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה" אין לאָדז, איז אונבריג צו דערמאָנען, ווער עס איז חיה'לע גראָבער. חיה'לע גראָ-בער איז דאַן אין „דיבוק" ביי דער „הבימה" אַרויסגעטרעטען אין א ראָלע, וואָס איז נישט מעהר, ווי א פראַגמענט פונ'ם גרויסען ווערק, (זי האָט אין ער-שטען אקט געשפּילט די „מוטער", וואָס קומט אין בית המדרש אַריין בעטען פאַר'ן געזונט פון איהר קראַנק קינד) און די אויסגעצייכענטע קינסטלערין האָט דאַן בעוויזען מיט איהר גרויסען שוישפּילערישען טאַלאַנט מיטצוריסען דעם גאַנצען זאַל. די סצענע, ווי זי שטעהט פאַר'ן ארון קודש און דאָס אַרט וויינען איהר'ס האָט עלעקטריזירט אַלע צושויער און איבערגעלאָזט א ניט-פערגעסליכען איינדרוק פון שטאַרקער און טיפער קונסט-עמאָציע.

דאָס מאָל וועלען מיר האָבען די געלעגענהייט צו זעהען די גרויסע קינסט-לערין אין א רייהע נומערן פון דער קליין-קונסט. דער רעפּערטואַר פונ'ם אָוועגד איז א רייכער און פערשידענאַרטיגער. די קינסטלערין האָט אויסגעקליבען פאַר איהר קאָנצערט לידער און סצענקעס, וועלכע דינגען פאַר איהר אלס מאַטער-יאַל אַרויסצוווייזען איהרע פערזענליכע און אונדרוויידוועלע טימטונגען.

פון די פעניסטערטע רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען אין דער אויסלענדישער פּרעסע, אויך נישט-יודישער, איז צו זעהן, אז חיה'לע גראָבער האָט אין דער יודישער קליין-קונסט דערגרייכט צו אזא שטויגענדער פיל קומענהייט, אז זי דאַרף געשטעלט ווערען אין איין רייה פון אונזערע גרעסטע בינהען-קינסטלער.

די לעצטע גאַסטשפּילען פון פּאָול באַראַטאָוו

אין יודישען טעאַטער געהען שוין איצט באַראַטאָוו'ס לעצטע גאַסטראָלען. באַראַטאָוו האָט בעוויזען, אז ס'איז פאַראַן א גרויסער עולם, וואָס וויל האָבען יודיש טעאַטער. מען דאַרף נאָר געבען גוטע, קינסטלערישע, ווערטפולע פאָרשטעלונגען. באַראַטאָוו האָט גע-שפּילט א דערציהערישער ראָל. ער האָט בעם יודישען טעאַטער-עולם גע-וועקט און ענטוויקעלט די בעדערפעניש פון א שעהנער פאָרשטעלונג.

באַראַטאָוו פערלאָזט לאָדז, ער ענ-דיגט אין משך פון די נאָהענטסטע טעג זיינע גאַסטראָלען. דער לאָדזער עולם וועט געוויס צאָהלרייך קומען זיך געזע-גענען מיט'ן בעליבטען קינסטלער.

היינט, שבת און זונטאָג אָוועגד ווערט געשפּילט די סענסאַציאָנעלע דראַמע „יאָ א מאַן, נישט א מאַן?" שבת ביי-טאָג צו בילינע פרייזען „גאָט פון נקמה".

פיר פארשטעלונגען פון דער „יודישער טעאַטער-סטודיע"

היינט, פרייטאָג 9 אָוועגד גיט די יודישע טעאַטער-סטודיע ביים „הזמיר" צום נייעטען מאָל י. ל. פּרץ'ס „אין פּאַלויש אויף דער קייט". שבת האַלב עלף פרוה ווערט געגעבען א פרוהמאָר-גען פאָרשטעלונג פון „פּאַלויש אויף דער קייט". פאַר דער פאָרשטעלונג וועט דער בעליבטער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן האַלטען א רעפעראַט א. ה. ט. „פּרץ, דער דראַמאַטורג".

שבת ד. 27., זונטאָג ד. 28. ד. ח. 9 אָוועגד ווערט געשפּילט שלום-עליכם'ס פּרעכטיגע קאָמעדיע „די גאָלדגרעבער", וועלכע האָט אין פאָריגען סעזאָן גע-האַט א קאָלאָסאַלען ערפאָלג.

היינט 2 פאָרשטעלונגען פון דעם נייעם רידמען פּראָגראַם „ווער מיר גוטס גונט". דאָס פּראָגראַם בעשטעהט פון 14 נומערן. דעקאָראַציעס פון יצחק ברוינער.

די לעצטע 3 טעג פון דער בילדער-אויסשטעלונג

די גרויסע בילדער- און סקולפּטור-אויסשטעלונג פון די לאָדזער קינסטלער: קאַהאַנע, רינדשפּאַנג, פינקעלשטיין, ליי-בעלסקי, טשעטשאט און קודעוויטש, וואָס געפינט זיך אין נייעם פּאַלאַץ אויף מאָניושקי וועט זיין אָפּען נאָך דריי טעג. זונטאָג אָוועגד ווערט די אויסשטע-לונג אונוויידערופליך געשלאָסען.

ערשטער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער אין לאָדז
SPLENDID
היינט און ווייטערדיגע טעג!!!
טראַגישע געשיכטע פון יאָהר 1905. ליבעס-סימפּאַניע און אויפּאָפּפערונגען.
אויף סיביר
ערשטער הונדערט פּראָצענטיגער פּוילישער קלאַנג-פילם, וועמענס פּרעמיערע אין וואַרשאַ האָט בעעהרט מיט זיין אָנוועזענהייט דער הער פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק, וואָס מיר דעמאָנסטרירען אין א ספּעציעלען אויסערן-פּראָגראַם אַנסאַמבל:
Jadwiga Smosarska, Adam Brodzisz, Bogusław Samborski, Mieczysław Frenkiel, Mira Zimińska, Kazimierz Justian, Eugenjusz Bodo און אַנדערע
אָנהויב פון סעאַנסען 4, 6, 8, 10 אָוו. פּאַספּאַרטו אַ חוץ אַמטליכע—אונגילטיג.
אַלע וואָס האָבען נישט געזעהען דעם פילם, ווערט איינגעאָרדענט, היינט פרייטאָג, ד. 26, מאָרגען שבת, ד. 27 און זונטאָג ד. 28. 12 מיטאָג פילם-פריהמאָרגענס. נעאַפּאָל, די זינגענדע שטאָט מיט'ן טענאָר - קעניג יאַן קיעפּוראַ און בריגידאַ העלם.
פרייזען צו 1 זלאָטי און 1.50

וואָס איז דאָס „Togal"?

„טאָגאַל"-טאַבלעטקעס זענען א ווירק-זאַם מיטעל נעגען רעוומאַטיזם, פּאָדאַג-רע, גריפּע, נערוועז-שמערצען און קאָפּ-וועהטאָג, מיגרענע און פערקיהלונגען. מאַכט אייך נישט אַליין קיין היזק פּעני-צענדיג אַנדערע מינדערווערטיגע מיט-לען.

לויט א רעיענטאַלער פּעשטעטיגונג פון העכער 6000 דאָקטוירים האָבען אויס-געדריקט זייער אָנערקענונג פאַר דער ווירקזאַמקייט פון טאָגאַל, צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען רעגיסטרירט אונ-טער'ן נומער 1364 פּרייז 2 זלאָטים.

פּאַטענטען פאַר האַנדווערקער

כדי צו פערלייכטערן די האַנדווער-קער ביים אויסקויפען די פּאַטענטען אויפ'ן יאָהר 1931, נעהמט דער צענ-טראַלער יוד. האַנדווערקער פערבאַנד (פּאָלודניאָווא 4) אויף אויסצוקויפען די פּאַטענטען. אום אויסצומיידען שטראָ-פען אין געוואוּנשען וואָס שנעלער אויסצוקויפען, ווייל ווי די שטייער-קאָ-פער אינפאָרמירט וועלען שוין דעם יאַנואַר 1931 אַרויסגעשיקט ווערען קאָנ-טראָלעס.

לעזט און אַבאָנירט
דאָס
„לאָדזער טאַגעבלאַט"

לעצטע פּרעמיערע
מיט פּאָול באַראַטאָוו
היינט אין „פילהאַרמאָניע"
„יאָ א מאַן—נישט א מאַן"

Szoła i Freblówka
A. GAJST
Kamienna —2—

עס ווערט געבעטען די ג' קונדשאַפט, וואָס האָבען גענומען צייטונגען, אָדער זענען געבליבען שולדיג געלד ביי דעם פערשטאָרבענעם צייטונגס-פערקויפער רוג זאַכאָדניאַ און צעגעלניאַנאַ
יהושע וועלניארזש
זאָלען אַזוי גיט זיין און בעצאָהלען, און ווייטער נעמען צייטונגען
מיט אַכטונג
די פערבליבענע פרוי און קינדער

דאנקזאגונג.

די פערוואַלטונג פון גמילת-חסדים-קאַסע ביים גרינעם מאַרק 7, דריקט אויס דעם הערצליכען דאַנק די יודישע קהלה-פערוואַלטונג פאַר איהר אַנטייל-נעמען אויף אונזער 20-יעהריגען יובילעאום וואָס איז פאָרגעקומען זונטאָג דעם 21.12 צושיקענדיג איהר דעלעגאַט ה' פליוואַצקי און געשפענדעט 100 זל. לטובת אונזער פעראיין. גלייכצייטיג דאַנקען מיר די דעלעגאַציעס ווי ה' לאַוונִיק פון מאַגיסטראַט אַלעקסאַנדער יאָעל, דעם סעקרעטאַר פון ציוניסטישען ביוראָ אשר שפּירא און ה' בן-ציון לעווי פון די פאָלקס-פּאַרטיי ווי אויך דעם חזן פון „אהל יעקב" ה' מייסטערמאַן. גלייכצייטיג דאַנקען מיר די הערן וואָס האָבען געשפענ-דעט לטובת אונזער בופעט ווי צווישען זיי דעם אינהאַבער פון די ברויערייע ה' קראַקאָווסקי ווי אויך ה' ליבערמאַן פון פּולנאַצגאַ 10 פאַר די משקאות וואָס זיי האָבען צוגעשיקט פאַר אונזער בופעט לטובת אונזער פעראיין.

מיט דרך ארץ צייכענט זיך די פערוואַלטונג.

„בית-יתומים" זגיערזשער 40.
מאָרגען שבת, ד. 27 דעצ. 10 אַ זייגער אָוועגד קומט פאָר
זאַל „אזא" נאַרוטאָוויטשאַ 20.
לטובת דעם „בית-יתומים", זגערזשער 40 אין די זאַלען פון „אָזאַ", (נאַרוטאָוויטש 20)
אגראנדיעזער קאנצערט-ראוט
פערבונדען מיט אַ זעהר אינהאַלטסרייכען פּראָגראַם: קופּלעטען, דעקלאַמאַציעס, פאָלקס-לידער, אין וועלכען ס'נעמען אַנטייל בעריהמטע אַרטיסטישע קרעפטען. פערשידענע אַטראַקציעס, פיל איבעראַשונגען.
אין קאָנצערט-טייל 2 אָרקעסטער'ס אונטער דער לייטונג פון ל. קאַנטאָר. אייגענער בופעט אויפ'ן אַרט רייך פערזעהען. צוגענגליכע פּרייזען. בילעטען אין טאָג פון קאָנצערט צו בעקומען ביי דער קאַסע פון „אָזאַ".
די פערוואַלטונג.

די איינציגע היינטיגע גילז, „OSMAN"
וועגן וועלכער ס'רעדט די גאַנצע וועלט פון רויכערער
די פּאַטענטירטע גילז פּירווּרטקאָוו. די גילז „אָסמאַן" איז דער טריומף פון דער טעכניק פון גילז-אינדוסטריע.
פּרובט און אורטיילט אַליין

גרויסע ציוניסטישע מאַניפעסטאַציע אין וואַרשע

קלאַנגען וועגען ענדערונגען אין דער לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען

ד״ר. גאָטליב זאָל ווערען פאָרזיצענדער פון ציוניסטישען צ. ק.

וואַרשאַ (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האָט דר. גאָטליב געהאַלטען זיין פאָרלעזונג אין טעאַטער „נאָוואָשטשי" וועגען „נצחונות און מפּלות פון ציוניזם".

צו דער פאָרלעזונג איז געקומען אַנ׳עולם פון העכער 1000 פּערזאָן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שמועסט מען אין די פּאָליטישע קרייזען, אַז דאָס איז געווען די עקספּאָזע פון דר. גאָטליב, וועלכער ווערט דורך די פיהרענדע ציוניסטישע קרייזען אין וואַרשאַ אַרויסגערוקט אויפ׳ן אַמט פון פאָרזיצענדער פון ציוניסטישען קאָמיטעט אין פּוילען.

געשלאָסען דעם יודישען אַרטיסטען צוזאַמענפאָהר

וואַרשאַ, 25. דעצ. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האָט זיך דאָ געענדיגט דער יוד. אַרטיסטען-צוזאַמענפאָהר. אַלס פערוואַלטער איז ווייטער אויסגעקליבען געוואָרען יובילער. אין דער פערוואַלטונג זענען אַריין 4 פּערזאָן צו 1 פאָרשטעהער פון די 4 יודישע טעאַטערן אין וואַרשאַ.

חוץ דעם איז בעשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען אַלע פאָר חדשים אַ הויפּט-ראַט, וואָס זאָל שטעהען איבער דער פערוואַלטונג. אין הויפּט-ראַט וועט יעדע יודישע טרופּע פון לאַנד שיקען 1 פערטרעטער.

אינטערפּעלאַציע פון יוד. ראַטמענער אין וואַרשאַווער שטאָט-ראַט
וועגען ענדעקישען ברבול אויף י. ל. פּרץ

וואַרשאַ 25 דעצ. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) מיט אַ צייט צוריק האָבען די יודישע לאַווניקעס אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג אין וואַרשאַווער מאַגיסטראַט וועגען אָנרופען איינע פון די וואַרשאַווער גאַסען אויף י. ל. פּרץ׳ס נאָמען.

די ענדעקישע ראַטמענער זענען דעמאָלט אַרויסגעטרעטען געגען דאָזיגען פאָרשלאַג, מאָטיווירענדיג זייער אַרויסטער דערמיט, וואָס י. ל. פּרץ איז געווען אַ שונא (!) פון פּוילען.

איצט האָבען די יודישע ראַטמענער אָפּגעהאַלטען אַ ספּעציעלע בעראַטונג וועגען דעם ענין און בעשלאָסען אַריינצוטראָגען וועגען דעם אַ אינטערפּעלאַציע אין שטאָט-ראַט.

כשרות סקאַנדאַל אין וואַרשע

וואַרשאַ 25 דעצ. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האָט אין וואַרשאַ אויסגעבראָכען אַ גרויסער כשרות סקאַנדאַל. עס איז בעוואוסט געוואָרען אַז אַ גאַנצע רייע קצבים און גאַמיגים זענען מאכיל טריפות.

די שקל-אַקציע

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שקל-אַקציע קומען פאָר פערזאַמלונגען אין די לאָקאַלען פון פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס: שבת 8 אָוועגד ביי „פּועלי-ציון" (פעראייניגט מיט צ.ס.), „מזרחי", „החלוץ-המרכזי", רעוויזיאָניסטן „ברית-טרומפּעלדור", שבת 6 אָוועגד אין: „הרצליה" (צעגעלניאַנאַ 75) און „השומר הצעיר"; היינט פרייטאָג אָוועגד אָרדענט איין אַ פערזאַמלונג די יוגענד-אָרגאַניזאַציע „גורדוניה", זונטאָג קומט פאָר אַ פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון „דת-ועבודה".

דאָס פּרעזידיום פון פעראייניגטען שקל-קאָמיטעט פאָדערט אויף אַלע מיטגלידער פון די אויבענדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס צו קומען אונבעדינגט צו די פערזאַמלונגען.

אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) אַ פאָרלעזונג אין העברעאישע שפּראַך אויף ד. ט.: „די משיחישע שטרעמונגען ביי יודען" (ערשט פאָרלעזונג), רעפערירען וועט ד״ר פ. פרידמאַן. איינגאַנג איז פריי.

פון „תומכי אורחים"

דער פעראיין „תומכי אורחים" ענטוויקעלט די לעצטע צייט אַנ׳אינטענסיווע טעטיגקייט. יעדע צווייטע וואָכען ווערט פערטיילט פאַר בכבוד׳ע פאַמיליעס צו 1 קערץ קויהלען. יעדען דאָנערשטאָג ווערט פערטיילט פאַר הונגערט פערזאָן פּראָדוקטען. 150 פאַמיליעס געניסען אומזיסטע שבתים- און ימים-טובים-קוך.

ביי די אומזיסטע קוך עקזיסטירט אויך אַנ׳אָפּטיילונג פאַר אינטעליגענטע מענשען מיט אַנ׳אָפּצאָהל פון 40 גר. פאַר אַ מאָהל-צייט.

די פערוואַלטונג טרעט איצט צו די טעטיגקייט בעדייטענד צו פערברייטערן.

פון פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציון. אָרגאַניזאַציע

מאָרגען מוצאי שבת 8,30 אָוועגד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציו״נ.

נישט קיין קויהלען-שטיצע,
נאָר פּראָדוקטען, אָדער געלד פאַר אָרימע
די בודזשעט-דעבאַטע אין דער קהלה

(—) די לעצטע קהלה-פערוואַלטונג איז שוין אָרבען אין דער — בודזשעט-דעבאַטע. די ערשטע לעזונג פון בודזשעט פאַר׳ן יאָהר 1931 איז דורכגעפיהרט געוואָרען ביי דער פאַר-לעצטער זיצונג׳ רינגער זיצונג.

דער קהלה-בודזשעט פאַר׳ן קומענדיגען יאָהר איז געהאַלטען אין די ראַהמען פון בודזשעט פאַר 1930. עס זענען נאָר פאָרגעזעהן איניגע קליינע ענדערונגען.

פרעזעס מינצבערג רעפערירט דעם בודזשעט טייל נאָך טייל און גיט ערקלערונגען וועגען יעדער פּאָזיציע.

[illegible]

ושעט ענטוויקעלט זיך אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע. די דיסקוסיע איז אָבער נישט קיין שאַרפע, נישט קיין פּרינציפּיעלע, ווייל די אַרבעטער פאָרשטעהער ציוניסטען און זעלמאַנאָוויטש זענען צו דער בודזשעט-זיצונג נישט געקומען.

בנוגע דער ראַבינאַט-אָפּטיילונג איז אין בודזשעט כדאי צו פאַרציכענען, אַז די אויסגאַבען פאַר בלויז די עטאַטמעסיגע ראַבינאַט-מיטגלידער איז פּרעלימינירט אויף אַ סומע פון 87,190 זל.

אויף סאָציאַלע הילף איז בעשטימט סך-הכל אַ סומע פון 351,000 זל. פון די בעזונדערע פּאָזיציעס איז כדאי אויסצורעכענען: פאַר דער גמילות-חסדים-קאַסע פון דער קהלה — 10,000 זל., עמיגראַנטען הילף — 1000 זל., אויף אויסצוהאַלטען בעטען און שפּיטעלער — 45.000 זל., אויף אַנשטאַלטען אונטערשטיצונגען — 100,000 זל. „שטיצע" פאַר 5 נישט-עטאַטאָווע מורה-הוראה׳ס — 35.000 זל., אויף דער פסח-אַקציע — 60,000 זל.

וואָס שייך דער אוצט-אַקטועלער קויהלען-אַקציע פאַר אָרימעלייט איז דער ענין נאָך נישט ערלעדיגט. משמעות, אַז ס׳איז נאָך נישט צייט... אָרימעלייט מוזען פרירען און הונגערן.

די פּאָזיציע אויף קויהלען-שטיצע איז לויט׳ן פאָרשלאַג פון פּרנס האָפּראַן, געהעכערט געוואָרען פון 25000 אויף 40 טויזענד זל.

לויט פּרנס האָפמאַנ׳ס פאָרשלאַג זאָל מען קויהלען נישט פערטיילט ווערען, ווייל דאָס אַהיימפיהרען די קויהלען קאָסט דעם אָרימאַן טייערער, ווי די קויהלען זענען ווערט, ס׳איז גלייכער צו פערטיילען פּראָדוקטען, אָדער - געלד

נאָך וועגען דעם וועט רעצענזירט ווערען נאָך דער דריטער לעזונג פון בודזשעט. ווי מען נויט איבער, זאָל דאָס געשעהן קומענדיגען דינסטאָג. נאָר ווער ווייסט...

יעדער טעאַטער-בעזוכער מוז היינט קומען זעהען באָראַטאָוו׳ן אין
יאָ אַ מאַן-נישט אַ מאַן?...

יאָ אַ מאַן, נישט אַ מאַן?
די סענסאַציע פון טעאַטער-ראַפּערטואַר
ווערט היינט געשפּילט פון פּערמאַנענט
מיט פּאָל באָראַטאָוו.

אינסטרוקטאָרען-צוזאַמענפאַהר

מיטוואָך איז פאָרגעקומען אין היגען יוגענד-פערבאַנד אויפ׳ן נאָמען פון ט. הערצל די ערעפענונג פון אינסטרוקטאָרען-קורסען ביי דער אָרגאַניזאַציע. אין דער פייערונג האָט זיך בעטייליגט דער פאָרזיצענדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דעפּ. ד״ר ראָזענבלאַט, וועלכער האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען די אויפגאַבען פון דער ציוניסטישער יוגענד.

אַ נייער סאַלאָנאָווע
פּאַטעפאָן
אין ווערט 300 זל., צו פערקויפען פאַר 120 זל.
וואָסקאָדניאַ 16, וו. 9 פאָרטער רעכטס.

עס ווערט געזוכט
אייך צימער
מיט אַ בעזונדערען איינגאַנג
אין צענטרום שטאָט אָפּערטען אין רעדאַקציע „לאָדזשער טאַגעבלאַט" פאַר № 33

מאָטאָרען עלעקטרישע
נייע און געגוצטע צו פאַבריקס - פּרייזען. רעפּעראַציע-וואַרשטאַטען. איבערוויקלונג פון מאָטאָרען און דינאַמאָ - מאַשינען. אינסטאַלאַציעס פון עלעקטרישע קראַפט און ליכט. סיגנאַליזאַציע פיהרט אויס
Przed. Inżyn. Elektro-Mech.
M. RAK, Zawadzka 12, tel. 214.11

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט טייל איך העפל. מיט מיינע ג׳ קונדשאַפט, אַז מיין באַל-טואַלעטען אַטעליע איז געוואָרען איבערטראָגען פון זגערזשער 28 אויף פּלאַץ-קאַשטשעלני 4 טעל. 141-35
איך בארג אויס זעמטליכע באַל-טואַלעטען ווי אויך חופּה-קליידער פון די נייעסטע פאַסאָנען צו מעסיגע פּרייזען. סאָלידע בעהאַנדלונג. איך עמפּפעהל מיך ווייטער דער ג׳ קונדשאַפט.
מיט אַכטונג
S. GLIKSMAN
Pracownia oraz Wypożycalnia sukien
Plac Kościelny 4, tel. 141-35

צו פערפאַכטען
אַ גרויסען פּלאַץ ווי אויך איינגעריכטעטע לאַגערס ביי דער באַהן-צופאָהר-ליניע, אָפּערטען אונטער „Składy" אָפּצוגעבען אין אַנאָנסען-ביוראָ פוקס, פּיעטריקאָווער 50.

עלעקטרישע לאַמפּען אין
ראַדיאָ-לאַמפּען
פון — הורס און דעטאַל-פערקויף
צו בעקומען ביי ר. קאָרן, ציגעלגאַס 29
טעלעפאָן 116.11.



ענפּשילדיג
מרדכי גרינבוים
פּאַסאַזש-שולץ 2.

שוין צייט צו בענייען דאס אבאנאמענט אויפ׳ן
„לאדזשער טאגעבלאט"
פאר׳ן יאהר 1931

חוזק

הומאר און סאטירע פון דער וואך

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

איצינקע מיין זוהן

(צו זינגען מיט דעם ניגון „מאירקע מיין זוהן")

איצינקע מיין זוהן,
איצינקע מיין זוהן,
צו ווייסטו ווער דו ביזט?
צו ווייסטו ווער דו ביזט?

אוי, איך בין א דעפוטאט, טאטעניו,
אוי, איך בין א דעפוטאט, טאטעניו,
הנני העני ממעש — —
טא-טע-ניו..!

איצינקע מיין זוהן,
איצינקע מיין זוהן,
צו ווייסטו וואוהין דו געהסט?
צו ווייסטו וואוהין דו געהסט?

אוי, איך געה אין דעם סיים, טאטעניו,
אוי, איך געה געבעך אין סיים טאטעניו...
ווי-זשע נישט אין כעס
טא-טע-ניו!

איצינקע מיין זוהן,
איצינקע מיין זוהן,
צו ווייסטו וואס דו ביסט?
צו ווייסטו וואס דו ביסט?

אוי, איך ווייס ניט וואס איך בין טאטעניו
איך ווייס וואו איך קעהר אהין, טאטעניו,
איך ווייס נאר כ'בין א דעפוטאט.
טא-טע-ניו...

פון סיים

ווי מ'מעלדעט אונז, איז שוין די ארבייט פון די „קלאס" איינגעטיילט געווארען. די יודישע „איינסלעך" האבען בעקומען א גרוים צימער אויף בעראטונגען. ס'איז אויך ארייגעשטעלט געווארען א „אטאמאנקע" — צו שלאפען.

ווי מ'שמועסט, זאל דער יודישער בע-בע-דעפוטאט מינקאווסקי נעמען ארוין אין יודישען בע-בע-קלוב. די ספקה רעדט פון זאל זיין דאס, וואס מ'דארף נישט זיין פונפטען „ראר" צום וואגען.

א תפלה ביי דער כאאינקע

פון גראף מאלי.

דער אלטינקער טאטע - ער זיצט ביי א ספר
פארטיפט אין די הייליגע דרכים;
די טאכטער - זי צינדט א כאאינקע בעגייסטערט
מיט צאצקעס פערציערט און „מלאכים"...

זי בעט ביי דעם „שוריענטי מיקאלאי", וואס איז נישט
פאר קינדער זיין טויער פערשלאסען:
אז צווישען די אלע, די שעהנע מתנות
זאל אויך זיך געפינען א חתן...

און זיין זאל דער חתן א הויכער א שלאנקער
א רעדנער, א קנאקער, א ברענער;
פון „יאווע" און „שימי" און „טאנגא" און „באסטאן"
זאל זיין ער א גוואלדיגער קענער...

און ער זאל קיין יודיש נישט קענען, נאר פויליש,
און זיין א בעזוכער פון קינא;
ער זאל פון קיין אנדערע העלדען נישט וויסען
ווי טשאפליו, פארעל, וואלענטינא...

עס שעפטשעו ליפען: „א שוריענטי מיקאלאי",
דו זאלסט מיר נישט לאזען פערשמאכטען,
איך האלט אפילו כמעט דאך ביי „נאשטשיע"
דאך קען איך שוין לענגער נישטווארטען...

קורץ און שארף

א סאוויעטישער וויץ

בעת דער באלשעוויסטיש-פוילישער מלחמה, קומט צו טראצקי'ן אין גענעראל-שטאב אריין א גענעראל, שמועסען זיי זיך אויס אויף דעם פערקירצטען לשון:

טראצקי: זדראוסטאוו (זדראסטוואי-טיע טאוואַרישטש) פראוואסאד (פראשו וואס, סאדיטיע)

גענעראל: קא—וו—דע—צג—צף? (קאק וואשע דיעלא נא פראנטיע?)

טראצקי: — דרעק (דיעלא רעשאיעט קאוואלעריא).

הינקעמאן אין לעבען

ווייסט איהר, פארוואס „הינקעמאן" האט אזא גרויסע פאפולעריטעט?

ווייל היינט הינקט אלץ אונטער. דער סוחר הינקט, די פאליטיק הינקט, די עהרליכקייט הינקט, ביי די ווייבער, די צניעות הינקט, די רבנות פון די נייע געוועהלטע רעפוטאטען הינקען, די טריי-שאפט פון די מענער הינקט — נישט בהנם האט „הינקעמאן" ערפאלג.

סאקראטעס.

ביים פאמניק

אונטערגעהערטער שמועס

פון וואס, זאלסט מיר געזונד זיין, זענען געמאכט געווארען די פיגורען הינטען ביים פאמניק?

דו זעהסט נישט — פון מענש פון וואנען האט דער מאגיסטראט גענומען אזויפיל מעש?

דו ווייסט נישט: דא געפינט דאך מיין מעשענער חנוכה-לייכטער...

ק-גער.

ווידזעווער חכמות

ווייסט, בעריל, אשר קאהן האט געמאכט אין ווידזעוו יום-טוב.

דהיינו?

יודען פערמאכען די געוועלבער.

ר' אשר האט אלע קרעמער'ס אין ווידזעוו געשטעלט אויף די פיס.

ווי אזוי?

ביז איצט זענען אלע געזעסען. איצט מאכען זיי פיס... קנאפז.

גוט אריינגעזאגט

די דינסט רעכענט זיך אפ מיט דער מאדאם.

א בעלאנטע לאדזשער נגידית האט זיך די טעג געריכט אין קימפעט. פאר דער קימפעט האט זי אפגעזאגט דער דינסט פון דער שטעל. פאר'ן אוועקגעהן, ווינשט דאס דינסט-מעדעל דער מאדאם:

די מאדאם זאל בשלום געהאלפען ווערען, און דאס יונגעלע, וואס וועט געבוירען ווערען זאל זיין געזונד.

פון וואנען ווייסטו, פרעגט זי די מאדאם, אז עס וועט זיין א יונגעל, אפשר א מעדעל?

נישט מעגליך, ענטפערט די דינסט. ווי אזוי וואלט זיך ביי אייך געקענט א מעדעל דערהאלטען 9 חדשים?..

ארעדע פון א סיים-דעפוטאטקע

סטענאגראפירט ספ. פאר'ן „חוזק"

סומפאטושנו אי קאכאני סעימיע! פושעדעוושיסטקיעם ווייל איך דער שאנאוונע מאוואזשיסטווע ערקלערען. איך בין א טשלאנקינע פון דער „קאלא קאציעט" און איך האב מאקע א קאפ אויף רעדער.

ס'איז קלאר און דייטליך, אז ווען נישט די „באוואדזעניע" פון די סאנאציע, וואלטען מיר, קאביעטעס איצט געסטרענגעוועט שקארפעטקעס אדער זיך געדראפעט אויף די זאקאפאנער גוראלעס. מיר, קאביעטעס האבען שוין אנ'אלטע סימפאטיע צו בע-בע — פודער... מיר, קאביעטעס זענען די פאטענסטע און סעם. מיר פערמאגען טעמפעראמענט, דרייסטקייט און דער עיקר — פארלאמענטארישע הויז...

דאס ערשטע, וואס דער סיים דארף בעטראכטען, איז די יקרות-פראגע. ס'איז דאך שוין פשוט גיע דא ווזשוסמאניא, א פאר ביידנע ליאס-שילכלעך קאסטען א מאיאנטעק. א פשוט פראנצוזקע פאקען-פאלעטקעלע, איז דאך נישט צוגעגנגליך פאר דער שעראקע מאסע. א בריליאנטען רינגעל איז דאך פאר'ן נידריגען קלאס ממש געווארען א „לוקסוס".

היינט, א פלעשעל פערפום, א בוסעל קעלניש וואסער, פודער, ציין-קרעם, ליי בען-פאמאדקע, ברעמען-מאשטש און אן דערע „לעבענס-מיטלען" פון ערשטען נויטווענדיגקייט...

איך ערקלער, אז מיר, קאביעטעס זענען סטראשנע דעמאקראטקעס, ביי אונז איז נישטא קיין ווזיאנטקעס: פאלאקען, אוקראינער, ווייס-רוסען צו יודען. נאר אין א געמיינזאמען קאמף קעגען מיר אונזער'ס דערגרייכען...

די מאדערנע דעמאקראטישע פרוי איז אויך געגען יעדע בעגרענצונג און פון „נומערוס קלאוזוס". מיר מאכען נישט קיין אויסנאהם פון א גוי'ישען סטודענט ביז א יודישען סטודענט — א סטודענט איז א סטודענט...

צו דעם ניי-אנגענומענעם רעגולאמין ווייל איך געבען א קליינע אויסבעסערונג: אז ביז סוף יאנואר זאל מען דעם סיים מיט אלע פאסלעס איבערפיהרען קיין זאקאפאנע...

אויפגעכאפט פון
האניג-פויגעל.

מאדערנע ברכות

זאלסט אזוי דערהויבען ווערען, ווי קאשטשושקא.

דיינע קונים זאלען אזוי צו דיר ציהען, ווי ס'ציהט צום פאמניק.

זאלסט אזוי שטעהן פעסט ווי דער פאכניק. זאלסט עס פעררינגען אלע שלעכטע טאג, וויפיל ס'האט געקאסט דער פאמניק.

זאלסט האבען אזא רעה ביי דיין ווייב, ווי די בע-בע און סיים.

דיין פרנסה זאל אזוי וואקסען, ווי די פענסיעס פון לאדזשער ראטהויז.

ביי דיינע טעלמער זאלסטו האבען אזא שטימע ווי קעפורא.

סאקראטעס

צוליב דער גריפע

יוד (צו א שכן אין א טראמוויי): וואס זענט איהר אזוי פערזארגט? מסתמא פראטעסטען, האַ?

צווייטער: צוליב דער גריפע.

ערשטער: צוליב דער גריפע? די גריפע איז דאך שוין שוואכער.

צווייטער: טאקע דערפאר — איך בין א פעלדשער.

סאקראטעס

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזשער טאגעבלאט"

מיין ערב קארנאוואל

א בינטעל צרות פון א יוד א זקן

פון י. אבערזשאנעק

ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך א יוד א פוישער. איך טויג נישט דלאפעזען אויף זלאטעס און זלאטעס אויף דאלארען — איך טויג ווייבער. ווייבער, דאס איז ביי מיר א סעזאן-ארטיקעל, וואס א סעזאן אנ'אנדער ווייב, וואס א סעזאן אנ'אנדער מוסטער. א פוטערער זיר אויף מיין קאפ — כ'האב נישט קיין מזל צו ווייבער. צוויי ווייבער האב איך גע'גט, צוויי ווייבער האבען מיך גע'גט, איינע איז גלאט איינגעפאלען א שמע קולנו, אוועקגעקייקעלט זיך אויף א גלעקעלער און געשטארבען אויף אנ'אמת.

אז, וואס טוט א יוד, אז ס'שטארבט איהם אוועק דאס פינפטע ווייב? זיצט ער אפ שבעה, ווארט איבער די שלושים און נעמט זיך צו דער זעקסטער מכה... דאס מיין איך: צו א זעקסטע ווייב, וואס דען? וואס דען וואלט איהר געוואלט? אז אזא „זשאוויע מענשטשיזנע" ווי איך זאל אפפינסטערן מיינע יאהר אהן א שטיקעל ווייב?

ווי אלט איך בין? וואס ארט אייך ווי אלט איך בין? וויפיל אייך דאכט זיך, בין איך עלטער. אבער ווער קוקט דען אויף די יאהרען, ווער? איהר מעגט מיר גלויבען, צו אויך לאך פון אייך, איהר אלע יונגע שניעקעס — אויך מיר מאנספערשוינען, כ'זאל נישט זינדיגען מיט די רייד.

קוקט זיי נאר אן, די היינטיגע פאצעטעריע, מיט די גלאטיגע גושיבעס ווי די זשרעבקעס, עסען קרעם-טשאסטעטעס און פערטרינקען מיט א „פול טשארני". און טאמער טרינקען זיי אויס א גלעזעל „סנאלקא", ווערען זיי „שכור" און רעדען פון ווען... אויך מיר מאנספערשוינען, די היינטיגע מענער, וואזשנע העלדען מ'שטיינסנעזאגט, אז קיין איינער איז נישטא קיין געזונדער, אלע זענען זיי אויף דיעטעס און „קורירען" זיך מיט עלעקטרישע מאסאזשען... — וואזשנע מענער — מ'שטיינסנעזאגט! אמת איך בין שוין טאקע א בן שבעים, אבער איך עס נישט קיין קרעם-טשאסטעטעס און טרינק נישט קיין „פול טשארנים", איך ווער נישט שכור פון א גלעזעל „סנאלקא", כ'האלט נישט פון דיעטעס און דארף נאך, חלילה נישט קיין עלעקטרישע מאסאזשען... איך בין אלט און יאהרען אבער איך בין ב"ה „פוזיטשנע" „ראזוויניעט" — איך בין נאך א הונדערט פראצענטיגער „מענ-שטשיזנע".

נו, איז א וואונדער, וואס נאך דער שבעה פון מיין פינפט ווייב, האפען מיר שדכנים אפגעריסען די טירען. שדכנים ארוין און שדכנים ארויס, מ'האט מיר געבראכט סחורה עף-עף. יונגע גרושות און פערלענגטע בתולות, אלמנות האט מען מיר געבראכט מחנות-ווייז. יונגע און אלטע, מיט קינדער און אהן קינדער, מיט גרן אהן דירות, איז אהן גרן, מיט שוויגער'ס און אהן שוויגער'ס. גאנצע טעג האט די טיר נישט גערוהט. גאנצע פארבען-קאלעקציעס: שווארצע און געלע און פאפיעלאטע, הויכע און דארע און נידריגע און דיקע. מיט אמאל זענען די שבנ'טעס מיט מיר געווארען קנעפעל בקנעפעל. מפלומרשט געקומען טרייסטען, אויסרעדען, נאכקוקען די וועש, צי ס'איז דא קנעפלעך ביי די העמדער, בענדלעך אין די גאטקעס, ארייגעגען אבוסעל קויהלען און דער קוך, און פיגו לביגו געגומען לויבען זייערע טעכטער'לעך ביז'ן זיבעטען הימעל. איהר זאלט זעהען, ר' הענעך, וואסערע בעל הבית'טע מיין סטעפטשעלע איז, סארע כשר קוגל זי איז, זי גיהט דאך נישט ארויס „פשען פרוג", סארע גאלדענע נשמה זי איז, א ווירטין — נארוווטשיינע. פון שטי מאכט זי געמולקעס, א זעלטענע בריה'טע — מיין סטעפטשעלע. א שמולע, גוטע טויב, קיין פליג אויף דער וואנד טוט זי נישט דערצערגען. היינט, איהר קאבען, איהר באקען, איהר צערעוואן און שטרולען, איהר העקלען, איהר רוימען. זי איז נישט ווי די היינטיגע סאנפערארקעס, וואס מאנצען אויף די פעוועלגלאקען און בוזען ביז מיטאג. זי וועט נישט פון קיין פודער אויף דער נאז, און פון קיין אינגעפארבטע ליפען פראמינארדע, זי מאניקירט זיך נישט די נעגעל און גאליעט זיך נישט דעם קארק. זי געהט נישט אין די דזשוויעקאוויע קינג טרעיאטער'ס, זי זיצט נישט האבבע נעכט אין דער „פרעספלענאדע" און „באביערעט" נישט קיין „מענשטשיזנעס", זי געהט נישט אין קיין קלאזער מיט שוועכען ביז איבער די פיס, זי טראגט נישט קיין גומענע שטיוועל. איהר הערט, ר' הענעך, א מאן וואלט ביי מיין סטעפטשעלען געהאט דעם ערן אויף דער וועלט.

ווענען וואס מיינט איהר, האט מיין שבנ'טע פלוצלינג גענומען פאר מיר אזוי שפארט „כוואליען" איהר סטעפטשעלע? פארוואס האט זי מיר בין אונז נישט נערעדט וועגען איהר „גוטע טויב" בין אונז, און גראד ראמאלס, ווען איך בין אין „זשאלאבע" נאך מיין פינפטער פערשטארבענער פרוי דערצעהלט זי מיר פון איהר סטעפטשעלע כאכען אין באקען, שטריקען, העקלען און רוימען? פארוואס האב איך ביז אוצט נישט געוואוסט, אז זי, מיין שבנ'טע האט אזא „אוצר", און גראד איצט דערצעהלט זי עס מיר? און צו וואס דערצעהלט זי מיר איבערהויפט די מעשה? זי איז דאך נאר געקומען מיך טרייסטען, נאכקוקען צי ס'איז דא א קנעפעל אין העמד, און צי ס'זענען דא בענדלעך ביי די גאטקעס?

איהר ווילט וויסען, וואס פון מיין שבנ'טעס „טרייסט" האט זיך אויסגע-לאזט? זעהר טרויעריג האט זיך עס אויסגעלאזט — און א חודש ארום בין איך מיט דער „גוטער טויב" געשטאנ-דען אינטער די פיער דרענגלעך, איך האב מיט מזל התונה געהאט צום זעקס טען מאל. צום זעקסטען מאל צוזאגט דעם „הרי את מקודשת לי", צום זעקסטען מאל געשריבען א כתובה, צום זעקסטען מאל צעבראכען א גלאז — א האלב טויז גלעזער שוין צעבראכען, און איצט פראוועט איך דעם זעקסטען האניג-חודש מיט מיין „גוטע טויב" — סטעפ-טשעלע...

יודען, איהר הערט, האב איך א האניג-חודש — אויף אלע יודישע שונאים געזאגט געווארען. אי, הערט איהר, האב איך מיר איינגעהאנדעלט א „טייבעלע", א „טייבעלע", וואס שלינגט מיך אין מיט די קאפעטעס. אי, הערט איהר, האב איך ביי איהר א „גן-עדן". צוליב דעם „גן-עדן" וועל איך שוין אין גיהנום נישט זיין...

קודם כל האט זי, אזוי ווי זי האט מיין שוועל איבערטרעטען, גענומען מא-כען „רעפארמען". די גאנצע שטוב אנ-געלענט מיט קושעלעך און מיט ליאלקעס. האט זיך ארייגעשטעלט א ראדיא, און און ער „פערגלישט" מיר מיין עלטען קאפ. האט אנגעקריגען א כפרה, איז אויף פריהשטיק — כפרה, אויף מיטאג — אפרה, נאכט-עסען — כפרה און קריעת שמע, לייגט זי אויך מיט כפרה'ן.

מענה איך מיט איהר: סטעפטשעלע, צי דעם האב איך מיט דיר חתונה גע-האט, דו זאלסט גאנצע טעג און נעכט נישט אפלאזען די כפרה?!.. איך בין דיין מאן, צי ניין?

נעמט זי זיך, מיינט איהר א סך אי-בער פון מיין מוסר — חס וחלילה! איך רעד, שריי און זי זיצט ביים קעס-טעל און זוכט כפרה'ן...

וואס נאך האט זי אויסגעטון: ווייל א חודש איז מיך נישט צו דערקענען. פון הענעך איז געווארען הענריק, פון מיין קמיץ-בערדעל איז קיין זכר נישט געבלי-בען, דעם האלז האט זי מיר מיט א שטייפען כאמעט ארומגעצוואגען, נאר רערשטוקט צו ווערען. פארטומאג שלעפט זי מיך צום רעגטיסט און ער רייסט מיר די פינקעס, נישט אנדערש נאר גאלדענע ציין זאל איך האבען. ביי יעדען רוס מיט דער צוואנג, זעה איך אלע מיינע פינף ווייבער מיט די שווי-גער'ס פאר די אויגען. ביי יעדען דרעה מיט דעם עגבער און די זשאגשלעס, פליהען מיר פינקען פאר די אויגען...

דאס איז פארמיטאג, און וואס טוט זי נאכמיטאג? נאכמיטאג שטעהט זי ביי מיר און צופט מיר די ווייסע האהר. ביי יעדען צופ, שפיר איך, אז עס רייסט זיך מיר עפעס אפ אין די קישקעס. עפעס א קליינינקייט, רייסען לעבעדיגע האהר פון קאפ? דאס איז דאך אנ'אמת'ע אינקוויזיציע... און וואס נאך ווילט זי? כ'זאל מיך לערנען טאנצען. איהר הערט, איך, מיט מיינע אלטע, האלבטויטע קנאכען, מיינע פיס, וואס האבען זעקס ווייבער פון הינטער דער חופה געפיהרט, די פיס, וואס האבען זעקס גלעזער אונטער דער חופה צע-טרעטען, די פיס, זאלען זיך אוועקשטע-לען טאנצען א בלועס מיט א שימי, ווי געפעלט אייך אזא מין טענצער?

נאר דאס אמת'ע געריכטע גערעכט ערשט איצט. איצט קומט אויף מיר די אמת'ע צרה — קארנאוואל.

די לעצטע וואך קומט צו מיר אריין דער שניידער און מעסט מיך אויסטאן. וואס איז דאס פארע אויסטאן און מיט'ן דערינען? — א סמאקינג, מיין ווייב האט אזהם ביי אזהם בעשטעלט א סמא-קינג פאר מיר. היות, ווי ס'קומט אן דער קארנאוואל און צום קארנאוואל דארף יעדער פאצעט האבען א סמאקינג. איהר הערט, איך, דער „פאצעט" מוז האבען א סמאקינג.

מאכט זי מאקע יעדען טאג מיט מיר רעפעטיציעס. איך מוז אנטוהן א שטעיף, ווייסע העמד מיט א שפיצען-קראגען, וואס מאכט מיר לעבער אין דער נאַ-בע. אויף מיינע אלטע, צעבראכענע ביי-נער, שלעפט זי ארויף דעם סמאקינג. א קורצען, ענגען. שווארצען שפאנצער מיט אפגענגלאנצטע קלאפעס. די פיס פרעסט זי מיר איין ווי אין א פאר ענגע ליאקער-קעס. טו איך אן די ליאקערקעס, פראי-מעסטטירען די אמשוסקעס, און איך פיהל, אז אט, אט פאל איך אוועק, און אין די ליאקערקעס, מיט דעם שווארצען שמאלען שפאנצער מיט דעם קראגען מיט די שפיצען, וואס מאכען מיר לעבער אין דער גאמבע. און אזא „טעמפ" זאל איך מיך אוועקשטעלען טאנצען „שימי" און „בלועס"... אז פון די בלויזע „רעפעטיציעס" בין איך שוין באלד טויט...

און זי אלטן? זי אליין, די „גוטע, שמולע טויב", וואס „קען קיין פליג נישט דערצערגען", זי אליין איז איצט „פשוטאטניע", אויך זי „האלט" זיך און איין „שוקעוואן" צום היילגען קארנא-וואל. קליידער און שיך, ווייסע פארוקען און געלע פארוקען, זילבערנע לעמשלעך און נארענע לעמשלעך, מאסקעס און דאמינעס — זי גרייט זיך צום קארנאוואל...

כ'וואלט שוין דאס אלץ פערליב גע-נומען, ווען זי וואלט מיך געוואלט ארוים לאזען פונ'ם עסק, ווען זי וואלט מיך נישט געוואלט רייסען די פינקעס פון מויל און נישט צופען די ווייסע האהר פון קאפ. ווען זי וואלט מיך געוואלט בעפרייען פון דעם שטייפען העמד מיט'ן שפיצינען-קראגען, וואס מאכט מיר לע-בער אין דער גאמבע, ווען זי וואלט נאר געוואלט מיינע אלטע, קראנקע פיס איני פרעסען אין שמאלע ליאקערקעס — אך, ווען זי וואלט מיך געוואלט בעפרייען פון די דאזיגע פיין און יסורים!..

איהר הערט, יודען. מאמער זאהט איהר אמאל ביי א 70-יעהריגען אלטען א שבנ'טע, וואס לויט איהם „טרייס-טען" און דערצעהלט איהם די מעלות פון איהר בתולה, טא נעמט די יודענע און ווארפט זי ארויס פון אלע טרעפען — איהר הערט?!..

—:0:—

יודען, ציוניסטען! נאָר 5 טעג זענען פערבליבען אויף אויסצוקויפן דעם שקל תרצ"א

דעם 31. דעצעמבער ענדיגט זיך ענטגילטיג די שקל־אַקציע אין גאַנצען לאַנד און אויך אין לאָדז. דער, וואָס וועט ביז דעם דאָזיגען טערמין נישט קויפען דעם תרצ"א שקל, וועט נישט האָבען קיין וואַהל־רעכט צום 17־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

קויפט דעם שקל! ערווערבט אייך דאס וואהל־רעכט צום קאנגרעס!

דער פרייז פון תרצ"א שקל 1.20 זלאָטי

לאָדז 26. דעצ. 1930
זון אויפג. גג. 7.47
זון אונטערג. גג. 3.13
פרייטאָג ו' טבת תרצ"א
פ' ויגש
ליכט־צינדען 3.13

טאָג־כראָניק

חנכה אין לאָדז

דער נעכטיגער חנכה־טאָג איז אין לאָדז איז נעכטען געווען שטאַרק אָנגעהעווידיג. די טראַמווייען האָבען נישט קורסירט, דערפאַר האָבען זיך געבענטשט מיט א סך אַזעלכע ימים־טובים די מעקסי'ם און דראָשקעס, וועלכע האָבען געהאַט נאָר א חיפּישען פּדיון. אויטאָמאָבילען און אויטאָבוסען האָבען נעכטען פאַר פּוליש געלד איבערגעפּיהרט פון אין פּינקט שטאָט און אַנדערן פיל מיי־ זענער פּאַסאַזשירען.

דעם יום־טוב האָט זיך אויך אָנגעזעהן אין די קינאָ'ס, וואָס זענען נעכטען געווען איבערפילט.

בכלל איז דער פערקעהר געווען א שוואַכער.

בשעת האָבען אָנגעהויבען קורסירען די נאַכט־טראַמווייען.

פון היינט פרוה וועלען די טראַמווייען שוין קורסירען נאָרמאַל. אָבער חנכה דויערט נאָך ווייטער. די אַמטען, קראַנקען־קאַסע און אַנדערע עפענטליכע אינסטיטוציעס פייערן נאָך היינט.

„געגענזייטיגע הילף אויפ'ן פאל פון טויט"

גענעראַל־פערזאַמלונג אין „חסד של אמת"

(—) די סעקציע פאַר „געגענזייטיגער הילף" ביי דעם לאָדזער „חסד של אמת" האָט נעכטען אָפּגעהאַלטען איהר אַלגעמיינע מיטגלידער פערזאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון ה' י. מ. זדונסקי. אַסעסאָרען זענען געווען די ה"ה: ז. לאַנדוי, דיר. זאַנד, וואָלף רייכער, אַל. טשאַמאַנסקי און א. גאָלדשטיין.

צו דער פערזאַמלונג זענען געקומען 200 מיטגלידער.

ה' פעליקס ליינענט איבער די לעגאַליזירטע סטאַטוטן פון דער „געגענזייטיגער הילף אויפ'ן פאל פון טויט". איבער די סטאַטוטן אַנטוויקלט זיך א דיסקוסיע.

דעם בעריכט גיט אָפּ ה' סט. גאָלדשטיין, ס'איז צו זעהן פון עפּרולם, אַז די „געגענזייטיגע הילף" צעהלט 435 מיטגלידער, וועלכע האָבען איינגעצאָלט [illegible] געגען חעבער 3000 זל.

די פראַגע וועגן בודזשעט פאַר 1931 איז אָנגענומען [illegible] טונג, וועלכע בעשטעהט פון די ה"ה: רער. ע. האַמבורסקי, פראַנקעל, י. זדונסקי, פעליקס, מאַלער, ליבערמאַן, ז. לאַנדוי, א. טשאַמאַנסקי, ח. שומאַכער. און דער רעווידיר־קאָמיסיע: ד"ר. זאַנד, י. שאַיאַ, דוד גאָלדשטאַט, לאַנדוי, סט. גאָלדשטיין.

חברים ציוניסטען!

5 טעג זענען בלויז פערבליבען פאַר דער היי־יאָהריגער שקל־אַקציע. דער 31 דעצעמבער איז דער לעצטער טאָג און די שקלים, וואָס וועלען נאָך דעם טאָג געצאַמעלט ווערען, וועלען נישט בעררעכטיגען צו וועהלען די שקלים, וואָס געבען דאָס רעכט צו בעטהייליגען זיך אין די וואַהלען צום 17־טען קאָנגרעס. דערניבער מוזט איהר די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַנווענדען און די גאַנצע ענערגיע ווענדען אין די טעג דער שקלים זאַמלונג.

דער 17־טער קאָנגרעס וועט אָהן קיין שום ספק האָבען א דעצידירענדע בעדייטונג פאַר דעם גורל פון אונזער בעוועגונג און פון אונזער אויפבוי־אַרבייט אין א"י, ער וועט אויף לאַנגע יאָהרען פעסטשטעלען דעם ניגעם פאָליטישען קורס, וועלכער מוז קומען אויפ'ן אָרט פון דעם אַלטען, וואָס איז פּולשטענדיג און אָנגבּרחמנות'דיג צושטערט געוואָרען דורך דער אַלצטיגער בריטישער רעגירונג. דער 17־טער קאָנגרעס וואָס מוזן ווייזען פאַר דער גאַנצער וועלט, די גרויסע קראַפט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, איהר גרייטקייט צו א דויערהאַפטען, אומאויפהערליכען קאַמף פאַר דער דערגרייכונג פון איהרע צילען, איהר פעהיגקייט צו ברענגען אַלע קרבנות, וואָס וועלען זיין נויטיג דערצו.

וואָס גרעסערע מאַסען ציוניסטען מוזען פערטרעטען זיין אויף דעם קאָנגרעס, כדי עס זאָל קלאָר ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אַלע שעפּערישע כחות פון'ם יודישען פאָלק בעטהייליגען זיך אין דער היסטאָרישער רגע, אים'ן קאָנגרעס, און נעהמען איבער די אַחריות פאַר זיינע בעשלוסען.

פון איין און נאָר פון איין, חברים העננט אָפּ די צאָהל פון די שוקלים, פון די בירגער פון אונזער יודישער מלוכה אונטערוועגס. פון איער אַרבייט, פון איער ענערגיע העננט אָפּ צי די יודישע מאַסען וואָס סימפּאַטיזירען מיט אונז, מיט אונזער קאַמף פאַר דער בעפרייאונג פון'ם יודישען פאָלק, וואָס רופען זיך אָפּ אויף אַלע אונזערע אויפּפאָדערונגען, זאָלען זיך אָפּרופען ראָס מאָל אויף דער פאָדערונג אויסצוקויפען דעם שקל און בעטהייליגען זיך אין די וואַהלען צום 17־טען קאָנגרעס.

חברים! פון איער ענערגיע פון איער אַרבייט, העננט אָפּ דער ערפאָלג פון'ם 17־טען קאָנגרעס, וועלכער דאַרף דעצידירען וועגען דעם גורל פון א"י, וועגען דער ענטוויקלונג פון אונזער בעפרייאונגס־ווערק לונט און איערע הענד. וואַרפט אַוועק יעדע אַנדערע אַרבייט אויף די 5 טעג און נעמט זיך מיט'ן גאַנצען ברען, אויף וועלכען איהר זענט פעהיג, צו דער פערשפּרייטונג פון שקלים.

צו דער אַרבייט, חברים, און זי זאָל געקרוינט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג!

לאָדז, טבת תרצ"א.

פרעזידיום פון פעראייניגטען שקל־קאָמיטעט אין לאָדז.

קאָמוניקאַט

דער פערבאַנד פון די גרונט־ און הויז־בעזיצער פון דאַטשע אָרט „פּאַ־דעמבינאַ־טושין־וואַלד" לאָדז איין די מיטגלידער פון פערבאַנד און די הויז־ און פּאַרצעל־בעזיצער פון פּאַדעמבינאַ־טושין־וואַלד צו דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וואָס וועט פּאָרקומען זונטאָג, דעם 28. דעצ. 1930, 5 נאָכמ. אין ערשטען טערמין, און 6 נאָכמ. צום צווייטען טערמין אין שאָפּען־זאַל, פּיעטריקאָווער 92 (רעכטע אָפיציגע, לעצטער איינגאַנג). צוליב דער וויכטיגקייט פון די ענינים און די וואַהל פון דער פערוואַלטונג, איז אונבעדינגט נויטיג, אַז אַלע מיטגלידער און אפילו די הויז־ און פּאַרצעל־בעזיצער, וואָס געהערען נישט צום פערבאַנד, זאָלען בייוואוינען די פערזאַמלונג, כדי אָנצונעמען בעשלוסען אין ענינים, וואָס האָבען א וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם דאַטשע־אָרט, ווי אויסברוקירען די גאַסען, אינסטאַלירען עלעקטרישע ליכט אין פּאַדעמבינאַ, וועגען וואָס עס ווערט שוין מיט ערפאָלג געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט אַנ'עלעקטראָווניע, ווי אויך דעם ענין וועגען פראָלאָנגירען די ראַטעס. עס וועט אויך ערומגערעדט ווערען דער ענין וועגען א נייע טראַמוויי־סטאַציע אויף דער גאַס 3. מאַי אין טושין־וואַלד, אויסבויען וואַרטע־זאַלען אויף די טראַמוויי־סטאַציעס אין טושין־וואַלד, 3. מאַי־גאַס און ווסכאָדניאַ־גורא, ווי אויך צו פערבילינערן פון 1. יאַנואַר 1931 די פרייזען פון די טראַמוויי־בילעטען לאָדז־טושין־לאַס, ווסכאָדניאַ־גורא.

5891

דער שליסעל צום ערפאָלג איז אַנ'אַנאָנס אין „לאָדזער טאַגעבלאַט"

דייטשע יודען איז ים פון שנאה

(ענדע פון זייט 5)

פּעקאַנט, ווי די דאָזיגע שטראָף וועט אויספאַלען און קיינער האָט נאָך נישט געהאַט די זכיה צו הערען, פון וועלכער ס'איז פּראָטעסט־שטים געגען דעם נאַציאָנאַליסטישען מענשען־מערדער. — — —

* * *

דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער הויפער־פּאַרטיי „פעלקישער בעאָבאַכטער" האָט פערעפענטליכט אַזא סטאַטיסטיק וועגען דער צאָהל אַנטיסעמיטען אין דייטשלאַנד:

עלף מיליאָנען וועהלער האָבען געשטימט בעת די לעצטע רייכסטאַג־וואַהלען פאַר פּאַזיטיוו־אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען. ווייטערע פיר מיליאָנען, וועלכע האָבען צוליב זייערע פּינקט אַזעלכע גייסט שונאי ישראל. א גרויסער טייל פון די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען זענען שטאַרק נוטה צום אַנטיסעמיטיזם והראיה — די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען פון נעכטען זענען די וואַרט־פיהרער פון אונזער פּאַרטיי און וועלען נישט מותר זיין אויף קיין קוצו של יוד פון אונזער אַנטיסעמיטישען לעהרע". — — —

* * *

א בוימערער אמת!

דאָס איז דער סך הכל פון מעהר ווי הונדערט יאָהר יודישע גלייכבערעכטיגונג. שווער איז אָנגעקומען דעם דייטשע יודענטום זיין קאַמף פאַר דער גלייכבערעכטיגונג. עס האָט געפּטר'ט די יודישע טראַדיציעס, געזעגענט זיך מיט'ן בעסטען און היילגסטען פון יודענטום, אויסגעקויפט די גלייכבערעכטיגונג מיט דער בכורה פון יודישקייט און דאָר איז אַלץ פערפלויגען, ווי א חלום — — — געבליבען איז די בלויזע פּאַפּירענע הבטחה אָבער די ווירקליכקייט האָט מיט די דייטשע יודען געטריבען א מורא'דיגען חוזק...

לאָדזער יוד. קאַמער־טעאַטער — נייער **„אַרט"** ווייסער זאַל „מאַנטייפּעל" זאַכאַדניאַ 43. קינסטלערישער לייטער מ. בראַדערזאָן

יוד. אַרט.־פעראיין אין פּוילען. דירעקטאָריאַט פון די פעראיינס־טעאַטערן. בעמיטליכטיגטער דירעקטאָר פאַר לאָדז: א. שטאָקפעדער. לייטער: א. בעזמאַן.

היינט פרייטאָג 2 פאָרשטעלונגען 7.45 און 9.45 אָוונט.
שבת 3 פאָרשטעלונגען 4 נאָכמ. 7.45 און 9.45 אָוונט
— א. נ. —
„ווער מיר גוטס גינט"

פּראָגראַם: 1) פּראָלאָג, 2) זמירות, 3) די שטאָט, 4) זיבען זאַכען, 5) קישקעלעך גדולות, 6) יודען זינגען, 7) דער וואַזשנער אורח, 8) אין א שיף־נעשפּט, 9) אסתר'קע, 10) רויזען־ליד, 11) נישט־גוט, 12) אונזער מענאַזשעריע, 13) קאַרע־גראַנדע, 14) אין זאַקפּאַנע.

אַנסאַמבל לויט'ן א.ב. פּרויצן: זיסעל־גירל, מ. דאַלסקא, לאַלא זילבערמאַן, שיינע־מרים, מאַשע פעטערמאַן, אַלא שליפּאַוויטש. מעגער: שמואליק גאָלדשטיין, ש. דזשיגאַן, מאַטעל קאַן, יעקב ריינגלאַס, י. שומאַכער, י. שיפּער. מ אַלטמאַן.

טעקסטען: י. ל. פּרץ, מ. בראַדערזאָן, דער טונקעלער, א. קאַצענעלסאָן. מוזיק: ה. רובין, א. ביינעלמאַן, און פאָלקס־מאָטיווען. דעקאָר. און קאָסטיומען י. בראַנער, מוזיק־לייטער—ח. רובין, רעזשי—דזשיגאַן, שומאַכער, בינע־אינספּעק טאָר—מ. קאַן, ליכט־עפעקטען—יערזאָלימסקי.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פון 11 פריה ביז 2 בייטאָג און פון 5 אָוונט. שבת, א גאַנצען טאָג.

ראַדיאָ פּראָגראַם

פרייטאָג 26 דעצעמבער

לאָדז (233,8) 11.58 שעה־צייכען און פּאָרלעזען פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינאָ און טעאַטער רעפּערטואַר, 12.10 סימפּאָנישער פריה־פּראָגראַם —.16, מוזיק פון וואַרשאַ, 16.20 הערשפּיל ווּפאר קינדער (טר. פון פּויזען), —.17 טראַנסמיסיע פון ווילנא גראַמאַפאָן פּליטען מוזיק פון וואַרשאַ 17.25 אָנגענעהמע און נוצליכע ידיעות פון וואַרשאַ 17.40 קאָנצערט פון ראַדיאָ אָרקעסטער פון וואַרשאַ, —.19 פּערשידענעס 19.25 ליטעראַרישע אוי־דיציע פון וואַרשאַ —.20 מוזיקאַלישער שמועס פון וואַרשאַ 20.15 אָלפּנד קאָנצערט פון וואַרשאַ נאָכ'ן קאָנצערט „פ. א. ט." וועטער פּאָליצײ און ספּאָרט קאָמוניקאַטען ווי אויך טאַנץ מוזיק פון וואַרשאַ.

שבת 27 דעצעמבער

לאָדז (233,8) 11'58 שעה צייכען 12.05 גראַמ. מוזיק 13.15 פּאָרלעזען פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינאָ און טעאַטער רעפּערטואַר 15.50 פּאָרטראַג 16.15 ערמיטכיש ווינקעלע 17.15 פּאָרטראַג 17.43 הערשפּיל פאַר יוגענד 18.45 פּערשידענעס, 19.10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס קאַמער און פּאָרלעזען פון פּראָגראַם אויף זונטאָג 19.25 גראַמאַפאָן פּליטען מוזיק 19.35 ראַדיאָ פּרעסע זשורנאַל — 20 פּעליעטאָן 20.15 פּאָרטראַג 22.15 שאָפּענס שאָפּונגען 22.35 „פ.א.ט." וועטער פּאָליציי, און ספּאָרט קאָמוניקאַטען ווי אויך טאַנץ מוזיק פון וואַרשאַ.

היינט אין „פילהאַרמאָניע"
די גרעסטע סענסאַציע פון אַמעריקאַנער טעאַטערס
„יאָ א מאַן—נישט א מאַן"
מיט פּאָול בּאַראַטאָוו.

8־טונג!
דאָס
לאָדזער טאַגעבלאַט
בעקומט מען טעגליך 6 א זייגער פריה
אין אַלע פּאַה ו־קיאָסקען
(„Ruch")

דיכטער לייב יפה קומט קיין לאָדז

גרויסע ארץ־ישראל־אַקאַדעמיע צום 10־יעהריגען יובילעאום פון „קרן היסוד"

אין די ערשטע טעג פון חודש יאַנואַר קומט קיין לאָדז דער דירעקטאָר פון „קרן היסוד" אין ירושלים, דיכטער לייב יפה, וועלכער ווילט איצט און פּוילען.

ה' לייב יפה וועט זיך דאָ בעטהייליגען אין דער גרויסער א"י־אַקאַדעמיע, וואָס ווערט איינגעאָרדענט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 10־יעהריגען יובילעאום פון „קרן היסוד". די אַקאַדעמיע וועט פּאָרקומען מיטוואָך דעם 7. יאַנואַר אין „פילהאַרמאָניע" און וועט דינען אַלס אָנהויב פון גרויסען קרן היסוד־קאַמפּיין אין אונזער שטאָט.

„החלוץ המרכזי" צגלניה 4

אַלע חברים־ות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען שבת 27.12 ד. י. 5.30 אָוונט צו א שיחת חברים. צער ועד.

פייערונג פאַר דער יוגענד אין „אהל יעקב"

היינט, פרייטאָג, האַלב 4 אַזייגער צו תפלת שבת קומט ווידער פאַר אין דער שוהל „אהל יעקב" (גדאַנסקאַ 18) א ספּעציעלע פייערונג פאַר דער יוגענד, בעזונדערס פאַר די שילער פון די פּאָלק שולען. א רעפעראַט אויף ד. ט.: „רעליגיע און יודישע עטיק" וועט האַלטען ב"ר ירמיהו פרענקעל.

אָוונט־קורסען ביי דער יודישער האַנדוועורקער־צענטראַלע

ס'ווערען אָנגענומען אויף די אָוונט־קורסען פאַר דערוואַקסענע מיט דער יודישער אונטעריכט שפּראַך, אויף וועלכע ס'וועט געלערנט ווערען: יודיש, פּויליש, רעכענען, נאַטור־וויסענשאַפט געאָגראַפיע יודישע און אַלגעמיינע געשיכטע דער אָפּצאָל איז א מינימאַלער.

איינשרייבען זיך און אינפאָרמאַציעס אין סעקרעטאַריאַט פון האַנטוו. צענטר. זשעלאָנע a 10 יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָוונט.

פערשאַלטען בלוט

גרויסער שפּאַנענדער ראָמאַן פון דער היינטיגער צייט

(108 פאָרזעצונג)

— האַלט איצט דיינע געפיהלען, פעליקס. אפשר האָט מיין פאָטער גערעדט מיט דיין פאָטער וועגען דעם? אפשר איז ער איצט ספּעציעל געגאַנגען צו איהם?

— אָ, אַדעלאַ, איך האָב נישט קיין ווערטער, דיר צו שילדערן, וואָס עס טוט זיך איצט ביי מיר אין האַרצען.

— איך ווייס ... איך ווייס... — האָט אַדעלאַ געמורמעלט. נאָך א שטיקעל צייט און דו וועסט זיין גליקליך.

— עס איז בלויז א שאָד, — האָט אַדעלאַ ווייטער גערעדט, — וואָס די צרימע פרוי איז טויט. איך וואָלט איהר גערן געהאָלפען. פעליקס האָט נישט געוואוסט. וואָס פאַר א וועלט ער געפינט זיך. זאָל ער איהר זאָגען דעם אמת, אָדער זאָל ער עס נישט טון? וואָס וועט זי טראַכטען וועגען איהם, ווען ער וועט אָפּלייקענען דאָס, וואָס ער האָט ערשט פריהער געזאָגט.

אַדעלא האָט א ביסעל אַראָפּגעבויגען איהר קאָפּ אויף דער ברוסט און איז געגאַנגען שווייגענדיג אויף א וועג, וואָס האָט געפיהרט צווישען געדיכטע בוימער.

מיט א הויך־קלאַפּענדיג האַרץ איז איהר פעליקס נאָכגעגאַנגען.

— דאָ זעהט אונז נישט דער קוטשער. — מורמעלט זי צערטליך און טוליעט זיך קינדעריש צו זיין ברוסט.

פעליקס האָט געשטראַהלט פאַר פרייד. מיט א ציטערנדיגע האַנד האָט ער געפרעסט זיין געליבטע צו דער ברוסט און זיינע ליפּען האָבען געזוכט איהרע. עס איז געווען א ליידענשאַפטליך ליבעס־שפּיל, וואָס ביידע יונגע מענשען האָבען נאָך געפיהרט א פירטעל שעה.

פעליקס איז פולשטענדיג איבערצייגט געווען, אַז ער האָט די שעהנע, געליבטע פרוי געוואונען. און ווען אַדעלאַ האָט זיך האַסטיג אַוועקגעריסען פון זיין אָרעם און זיך צוריקגעצויגען, האָט ער זיך אָנגערופען:

— איצט איז געווען די שענסטע שעה פון מיין לעבען, איך חיל גערן וואַרטען ביז די מינוט וועט אויסשלאָגען, ווען דיין פאָטער וועט אונז געבען זיין ברכה צו אונזער פערבינדונג.

— דאָס פרעהט מיך זעהר, פעליקס. נישט אמת, איך האָט דיין פולען פערטרויען צוריק געוואונען? דו ביסט מעהר נישט ביין אויף מיר, וואָס איך האָב א שווערע פּאַ־ דערונג דיר געשטעלט?

— אָ, רעד נישט מעהר פון דעם, אַדעלאַ. דו ביסט א מלאך. דיין גרויסקייט דער אונגליקליכער פרוי צו העלפען, האָט מיך געריהרט, — האָט דער נאַאיווער פעליקס געענטפערט.

א דאַנקבאַרער בליק האָט איהם בעלויהנט.

דאַן זענען זיי שנעל צוריקגעגאַנגען.

דעם גראַף האָט מען נאָך אַלץ נישט געזעהן.

איך וואָלט געוואָלט רעדען עטליכע ווערטער מיט דיין מוטער, אָבער זי דאַרף נאָך נישט וויסען, וואָס פאַרע פרעהליכע נאַכריכט איך האָב דיר געבראַכט, פעליקס.

— זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט, אַדעלאַ. ניין, ריכטיג, זי דאַרף נאָך נישט וויסען. אָבער זי וועט זיך שטאַרק פרעהען, ווען דו וועסט רעדען מיט איהר א פּאָר ווערטער, — האָט פעליקס געענטפערט.

די גרעפין האָט א שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ און ביידע זענען אַריין אין הויף פון וועכטער.

אויף א באַנק האָט זיך אַדעלע אַוועקגעזעצט און פעליקס איז אַריין אין רער שטוב און געברענגט די מוטער.

די פרוי איז געקומען א ציטערענדיגע, איהר זוהנ'ס גליהענדיגע אויגען האָבען איהר שוין געזאָגט און ווען זי האָט איצט געפיהלט דעם פריינדליכען בליק פון דער גרעפין, איז זי געוואָרען איבערצייגט, אַז דאָס היים־אויסגעבענקטע גליק פון זוהן ווערט פערווירקליכט.

— איהר וואוינט גאַנץ שעהן, פרוי וועכטערין. אָ, ווי פרעכטיג עס איז דאָ. דער וואַלד, די שעהנע אַלעע, און דער בערוף פון וואַלד־וועכטער איז דאָס שענסטע. וואָס איך קען מיר אויסקלערען, — האָט אַדעלאַ אָנגעהויבען און געבעטען די פרוי צו זעצען זיך לעבען איהר אויף דער באַנק.

די גוטע פרוי איז נישט דרייסט געווען צו ענטפערען. איהר האַרץ איז געווען פול און זי האָט זיך בעמיהט צו פערהאַלטען איהר אינערליכע אונרוהיגקייט און זיך צו האַלטען גלייך.

אַדעלאַ האָט ווייטער געפלידערט אויף דער ווייזע, ביז די וואַלד־וועכטערין האָט געפונען מוט איהר צו ענטפערן. דאָס פריינדליכע געשפּרעך איז אָבער איבערגעריסען געוואָרען, ווייל עס איז אָנגעקומען דער גראַף.

אַדעלאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און איז איהם ענטגעגענגעלאָפען.

— קומט דער פאָטער אַליין? האָט זי איהם געפרעגט.

— יאָ, עס איז פאַטאַל. איך האָב דעם וואַלד־וועכטער נישט געטראָפען.

— נישט געטראָפען?

— אָבער איך מוז עפּעס געוואָהר ווערען. זאָגט מיר, פעליקס, איהר קענט דאָך אויך דעם צושטאַנד פון דעם וואַלד. ווען דאָס היינטיגע יאָהר זיין אויסצוהאַקען א טייל?

— איך צווייפעל דערין, העך גראַף.

— אַזוי. המם... איך מוז מיט דעם וועכטער גאָך איינמאָל רעדען, — האָט דער גראַף געענטפערט און איז אַריין אין דער קאַרעטע.

אַדעלאַ האָט דעם יונגענמאַן געוואָרפען א פער'גנב'עטען לופט־קוש, דערנאָך האָט זי זיך פריינדליך געזעגענט מיט דער פרוי און איז אויך אַריין אין דער קאַרעטע.

(פאָרזעצונג קומט).

אין אַן אויטאָמאָבּיל דורך ארץ־ישראל

פֿון י. ד. בּערקאָװיטש

ב.מ. עין־הרוד פֿערענדיגט זיך אונ־
זער [illegible] בּעזוך אינ'ם „עמק“. דער
[illegible] — װײַל צו'ם נעזעגענען זיך
נעהמט אײַנער עין־הרודער װעגװײַזער
דאָס װאָרט בּײַ אונז, אַז מיר מוזען
קומען אַהער נאָך אַמאָל. מיר מוזען זע־
הען דעם עין־הרודער קיבוץ אויך פֿון
אינװעניג. די בּעסטע צײַט פֿאַר דעם איז
װינטער, אַמאָל אין אַ שבת, בּעת אין
דרויסען רעגענט, עין־הרוד ליגט אין אַ
גליטשיגער דאַרפֿישער בּלאָטע, און די
צעאַקערטע פֿעלדער אַרום און אַרום טובּ־
לען זיך אין קוהלקײט און פֿײַכטקײט
פֿון אָנגעקװאָלענע געבּענשטע װאָלקענס.
דעמאָלט בּעקלײַבּען זיך די חברים און
דעם גרויסען עס־צימער פֿונ'ם בּית־הפּוּ־
עלים און זענען זשערטע אויפֿצונעהמען
געסט, פֿערבּרענגען מיט זײ דעם שבת־
דיקען אָפּרוה, דורכלויפֿערען די נעדאַנ־
קען װעגען לאַנד און פֿאָלק, װעלט און
מענש...

אַזוי װי הײַנט איז דאָנערשטאָג, װיי־
לען מיר מאָרגענדיגען טאָג, דעם לעצ־
טען פֿון אונזער נסיעה, אויסנוצען פֿאַר
אַ בּעזוך אין חברון. בּאַמש חברון גע־
פֿינט זיך װײַט פֿון דאַנען און האָט נישט
אַרום זיך קײן יונגען יודישען ישוב, איז
זי אָבּער דער לעצטער פּונקט אין דרום
מיט אַ יודישער בּעפֿעלקערונג און טראָגט
אין זיך דעם גרויסען צויבּער, װאָס זי
איז די שטאָט פֿון די אַלטע יודישע
אבות, אברהם, יצחק ויעקב, — די עלטס־
טע שטאָט אין ארץ ישראל, אויב נישט
אין דער גאַנצער װעלט („זי איז געבּויט
געװאָרען — דערצעהלט דער חומש מיט
גרוים פּינקטליכקײט — זיבּען יאָהר
פֿאַר צוען מצרים“ — און פֿון צוען מצ־
רים איז שױן לאַנג קײן סימ'ן נישטאָ...)
דערנאָך צוהט־צו צו זיך חברון יודי־
שע הערצער דערמיט, װאָס לעצטענס
האָבּען די מוסולמענישע אַראַבּער אָנ־
געטריבּען אַרײַנצולאָזען יודען און קדוש־
אַען אין דער „מערת המכפּלה“ אַרײַן,
צו די קברים פֿון די אבות — פֿער־
שטערט זיך, נישט פֿון מצוה װעגען,
נאָר אויף בּולעטען מיט אַ גאַנצע הויכען
פּרײַז.

אונזער װעג קײן חברון לויפֿט און
דער לענג פֿון ארץ ישראל, פֿון צפֿון צו
דרום, איבּער שכם און ירושלים. מיר
פֿאָרען־אַרוים פֿונ'ם „עמק“ פֿערבּײַ דעם
באַרג גלבוע, פֿערנעמען זיך אַרויף אױ־
נערן שאַסע צו די בּערג פֿון אפֿרים

און שנײַדען דורך דאָס לאַנד שומרון,
דאָס אַמאָליגע קעניגרײַך פֿון די „צעהן
שבטים“. עס איז אַ פֿײַן שטיק לאַנד פֿון
רוהיגע, געמיטליכע, װײך־משופּעדיגע
בּערג און בּעקװעמע, אָפּט בּעגרינטע טאָ־
לען — נישט אַזוי נביאיש־פֿעלזיג און
הורבּנדיג־נאַקעט, װי די הויך־פֿערטראַכ־
טע בּערג און טיף־ שװײַגענדיגע טאָלען
פֿון יהודה און גליל, אָבּער אויך נישט
אַזוי נאָהענט צום הארצען און װערטאָג־
רוגי־ליבּ, װי יענע [illegible]־פֿערטרויער־
טע, מיט שטײַנער פֿערהאַגעלטע בּאַרגי־
גע נאַקעטקײט... שומרון קוקט צו דיר
עפּעס, װי פֿרעמדליך. אפֿשר נעהמט זיך
דאָס דערפֿון, װײַל עס איז דאָס לאַנד
פֿון די „עשרת השבטים“, װאָס נאָך אין
די הדר־יאָרען זענען זײ דיר געװאָרען
פֿרעמד, זינט זײ האָבּען זיך אָפּגעריסען
פֿון יהודה און ירושלים און אנבּען בּסדר
נאָר „געטער שלעכטס און די אויגען פֿון
גאָט“. און אפֿשר פֿון שלעכטס און די
אויגען פֿון גאָט“. און אפֿשר איז דאָס
דערפֿאַר, װײַל דו פֿאָהרסט דאָ דורכ־
אוים אויף פֿרעמדע טעריטאָריע, אויפֿ'ן
גאַנצען לאַנגען װעג זעהסטו נישט קײן
קײן אײן יודישען ישוב און בּעגעגענסט
זעלטען אַפֿילו אַ יודישען אויטאָמאָבּיל.
און אפֿשר — גאָר פּשוט, װײַל דײַנע גע־
דאַנקען און רײַנע בּעסטע געפֿיהלען צי־
הען זיך נאָך אַלץ אַהין, צום שטיל פֿער־
טראַכטען „עמק“ און צו זײַנע יונגע װאַ־
קער און פֿעפֿרוכבּערער, װאָס דו האָסט
איבּערגעלאָזט הינטער זיך און מיט װע־
מען דו װילסט זיך גאָר נישט שײדען...
נאָר פֿונדעסטװעגען קאָן מען אויך שומ־
רון מיט דער האַנט נישט אָװעקמאַכען:
מיר האָבּען אויך דאָ זעלטענע װינקלען,
װאָס זענען בּעשטראַהלט פֿון די צאַרטע
שטראַהלען פֿון די װײַטע קינדער יאָה־
רען. אין עין־חרוד האָט מען אונז אָנגע־
זאָגט, אַז מיר װעלען דאָ ערגיץ פֿער־
בּײַפֿאָהרען דעם טאָל פֿון דותן — דעם
בּערימטען פּלאַץ, װאו יוסף'ס בּרידער
האָבּען געפּיטערט זײער שאָף און האָבּען
פֿערקױפֿט יוסף'ן פֿאַר אַ קנעכט צו די
ישמעאלים. אונזער שאָפֿער איז אַ בּוּ־
סעל שװאַך אין דער געאָגראַפֿיע פֿון
שומרון, מוזען מיר שױן זוכען דותן
מיט אײגענע קרעפֿטען. בּײַ יעדען טאָל,
װאָס מיר פֿאָהרען פֿערבּײַ, בּפֿרט אויב
אויף זײַנע טופֿע לאַנקעס פּיטערען זיך
בּעדראַזאַנישע ציגען — גיט אונז אַ צי־
טער דאָס האַרץ. דער עלטסטער פֿון אונז

מרײַסט אונז, אַז עס איז, אײַגענטליך,
קײן גרויסער חילוק נישט, צי דער טאָל,
צי יענער טאָל — יוסף'ס בּרידער האָבּען
דאָ מסתמא געפּיטערט זײער שאָף און
אַלע טאָלען... און ער פֿערענדיגט מיט אַ
לײַכטען זופֿץ: „װאָס איז דאָ פֿאַרהאַן
לאַנג צו טראַכטען? מיר פֿאָהרען איבּער
ארץ ישראל און מעגען אויף יעדען װינ־
קעל מאַכען „שהחיינו“!“...

און שכם שטעלען מיר דעם דאַרשט
מיט לעבּליכען אַראַבּישען זאַדע־װאַסער
און װערען אַרומגערינגעלט פֿון אַ גאַנ־
צען מנין בּאַרויטעטע אַראַבּישע בּחורימלעך
װאָס װילען אונז אַלע פֿערקױפֿען מאַ־
ראַנצען. עס װאָלט געװען שװער זיך
אַרויסצודרעהען פֿון זײ, װען זײ זאָלען
זיך נישט צעאַמפּערען אײנער מיט'ן אַנ־
דערען. קוקענדיג אויף די נאַרגלדיגע יודי־
[illegible], װאָס הױבּען־אַרויס פֿון זײערע
העלזער, קומט אַרויף אויפ'ן זכרון נישט
װולענדיג דער ערשטער לײַטישער „בּחור־
רעץ“ פֿון דער דאַזיגער אַלטער בּיבּלי־
שער שטאָט שכם, דער זוהן פֿון חמור...
קײן יודען זעהט מען דאָ נישט, און דאָס
שטעטעל קוקט אויס אַלט און אָפּגעלאָ־
זען. דאָ און דאָרט איז צו מערקען
האַלב אײַנגעפֿאַלענע חורבות מיט צעשאָ־
מענע װענט: דאָס זענען די איבּערלעבּע־
נישען פֿון דער לעצטער ערד־ציטערניש,
פֿון װעלכער שכם איז געטראָפֿען געװאָ־
רען מעהר פֿון אַלע שטעט אין ארץ־
ישראל.

מיר פֿאָהרען דורך צװישען די צװײ
בּערימטע בּערג, הר גריזים און הר
עיבל — דעם באַרג פֿון בּרכה און דעם
באַרג פֿון קללה. פֿאַרװאָס האָט דער ער־
שטער זובה געװען, מען זאָל פֿון איהם
בּענשען די קינדער פֿון ישראל, און דעם
צװײטען איז אָנגעצײכענט געװאָרן, מען
זאָל פֿון איהם שעלטען — איז שװער
צו פֿערשטעהען. אַ פּנים, עס איז נאָר אַ
מזל זאַך. װאָרום בּײדע בּערג קוקען אײַ־
נער ענטקעגען דעם אַנדערען הויך פֿער־
טראַכט אין דעם זעלבּען אַלטען נאַקע־
טען טרױער, װאָס שױן אַזוי לאַנג שטע־
הען זײ װײַסט אין פֿערלאָזען: קײנער
בּענטשט פֿון זײ נישט און קײנער שעלט
פֿון זײ נישט...

װאָס נעהנטער צו ירושלים — אַלץ
טיפֿער אין תנ"ך. אונזער אױטאָמאָבּיל
לויפֿט־דורך אַ הויפּשען טײל פֿון „נביאים־
ראשונים“: שילה, בּית־אל, גבעון,
רמה... אין געדאַנק געהען אויף אַלטע

פֿאַנטאַסטישע פיגורען פֿון עלי הכהן,
שמואל הנביא, אחיה השילוני; און פֿאַר
די אויגען שװעבּען אונטער דער זון
גרויסע אַראַבּישע דערפֿלעך מיט טרוקע־
נע לײמענע הײַזלעך, מיט נידעריגע שטײַ־
נערנע פּלױטען, מיט הויכע פּיראַמידאַלע
שמעקענדיגע קופּעס מיסט... נאָר אָט
זעהט מען שױן אַ יודישע מילך פֿער־
מע מיט הײמישע בּערדיגע מילכיגע יו־
דען בּײַ אַ פֿערד־און־װעגעלע מיט לײדי־
קע קאַנען — טביה דעם מילכיגערס
שװעסטער־קינדער און דער סביבה פֿון
ירושלים. און אָט בּעגעגענען מיר אַ קלײ־
נע גרופּע ישיבה־בּחורים און סאַמעטענע
היטלעך, מיט רײַכע דיקע פּאות אויף די
אַרמע בּלײכע בּאַקען; זײ האָבּען מפסיק
געװען דאָס לערנען און זענען אַרויס שפּא־
צירען לױפֿט הינטער ירושלים: זײ שפּאַ־
צירען שטיל־פֿערטראַכט און שאָטען פֿון
אַ באַרג און װאַנדערען זיך: װי שײן
זענען די בּערג, װי שײן זענען די טאָ־
לען, װי שײן זענען די אײַלפֿערט בּױמער
אַרום דער הײליקער שטאָט ירושלים!...
און אָט זענען מיר שױן בּײַם הר־
הזיתים.

אין ירושלים געזעגענען מיר זיך מיט
אונזער שאָפֿער, װעלכער פֿאָהרט פֿון
דאַנען גלײַך אַהײם, קײן תל אביב. אין
דעם מאָמענט פֿערגעסען מיר אונזערע
צעטרײַסעלטע בּײנער און האָבּען נאָך
אין זינען, אַז דער מענש איז מיט אונז
געטרײַ אויסגעפֿאָהרען כמעט גאַנץ ארץ־
ישראל, דערבּײַ אַרויסגעװיזען גרויסטול־
טיקײט מיט אַזאַ חורבּה, װי זײַן אויטאָ־
מאָבּיל איז. ער, װידער, בּעט בּײַ אונז
מחילה, טאָמער האָט אונז אַמאָל אַ
טרײַסעל געטאָן — זײַן כּװנה איז געװיס
געװען נאָר צום גוטען. אם ירצה השם,
צו אונזער צװײטער נסיעה, קויפֿט ער
זיך אַ נײַע מאַשין — דאָס איז בּײַ איהם
כמעט, װי אַ נדר...

פֿאָהרען הײַנט קײן חברון איז שױן
שפּעט — בּלײַבּען מיר נעכטיקען אין
ירושלים. מיר שפּאַצירען איבּער די גאַ־
סען, אײַנגעלאַדענע און בּעפֿרוכפּערטע
מיט די אײַנדרוקען פֿון אונזער נסיעה,
און האָבּען דערבּײַ כמעט דאָס געפֿיהל
פֿון די פֿערצײַטיגע עולי־רגלים, װאָס
פּלעגען קומען אויף יום־טוב קײן ירו־
שלים פֿון דעם װײַטען גליל, אײַנגעלאַדע־
נע מיט די בּעסטע פֿאַרדינסטען פֿון זײַ־
ערע געבּענשטע פֿעלדער. מיר טרעפֿען
זיך מיט פֿרײַנט, שמועסען מיט חברים.

נאָך אָט די די אַלע לומעראַרישע שמוּ־
עסען און קולטורעלע אינטערעסען זעהן
אונז אויצט אויס זײער קלײן און נישט
װיכטיק אַלעגען דעם גרויסען פּאָמער־
לענדישען עיקר, װאָס שטראַלט צו אונז
װײַט הינטער די מױערען פֿון ירושלים,
װײַט הינטער דעם לאַנגען װעג פֿון שומ־
רון, אַדרטען, אויף דער יונג צעאַקער־
טער ערד פֿון דעם אמת אַרבּעטענדיגען,
אמת בּויענדיקען יונגען יודישען דאָרף־
לאַנד... מיר זענען צוריקגעקומען פֿון אונ־
זער נסיעה בּעגײַסטערט, מיט אַ נײַ פֿער־
װאָרצעלטען גלױבען...

אויף מאָרגען פֿרי געהען מיר אין דער
ירושלימער אויטאָמאָבּילען סטאַציע בּע־
שטעלען אַ מאַשין קײן חברון מיר בּע־
מען דעם פֿערװאַלטער, ער זאָל אונז
געבּען די נײַעסטע און בּעסטע מאַשין,
װאָס ער פֿערמאָגט. זאָגט דער פֿערװאַל־
טער, אַז ער קאָן אונז געבּען די נײַסטע
און בּעסטע מאַשין, נאָר טײַערער װעט
דאָס אונז סײַ־װי נישט קאָסטען, װאָרום
אַלע זײַנע מאַשינען זענען נײַסטע און
בּעסטע. און ער װענדעט זיך צו אײנעם
פֿון די שאָפֿערען, װאָס זיצען אויף דער
סטאַציע און װאַרטען אויף פּאַסאַזשי־
רען: „װי מײַנסטו — דײַן מאַשין װעט
זײַן גענוג נײַ און גוט פֿאַר זײ?“ הױבּט
זיך אויף יענער, אַ גאַנץ פֿײַנער יונגער־
מאַן מיט אַנ'אָראַנזש־שמײַכלענדיקען
פּנים, און זאָגט: „מירן זעהען“ און אַ
װײַלע אַרום פֿאָרט ער צו אין אַ שפּאַ־
געל־נײַעם גלאַנציגען „סטודעבּעקער“
און זאָגט צו אונז מיט זײַן אָראַנזשען
שמײַכעל: „בּעטראַכט!“...

אַרויסגעפֿאָרען פֿון ירושלים אויפ'ן
װעג, װאָס געהט קײן בּית־לחם, הױבּען
מיר אָן זיך טײַטען מיט'ן ערשטען אײַנ־
דרוק פֿון אונזער נסיעה. אײנער זאָגט:
„װי געפֿעלט אײַך די מאַשין? זי
גליטשט זיך גאָר װי אויף פּוטער!“ זאָגט
אַ צװײטער: ס'איז נישט קײן מאַשין,
נאָר אַ סאַנאַטאָריע“ זאָגט דער עלטסטער
פֿון אונז: „ס'איז פּונקט דאָס װאָס מיר
דאַרפֿען — אונזערע בּײַנער נױטיגען זיך
טאַקע אין אַ סאַנאַטאָריע“. דרײט אויס
צו אונז דער שאָפֿער זײַן אָראַנזש פּנים
און מישט זיך אויך אַרײַן אין אונזער
אינטימען שמועס: „איך קען, זאָגט ער,
דעם פּחד, מיט װעמען איר זענט גע־
פֿאָהרען איבּער'ן אין עמק. — ער איז
אַ גאַנץ גוטער שאָפֿער, נאָר זײַן מאַראַ־
מאַטיק בּעט זיך, נעבּעך אין מושב זקנים

אַרײַן“... קוקען מיר זיך איבּער פֿאַרחי־
דושט, פֿון װאַנען װײסט ער פֿון „מאַראַ־
מאַטיק“? זאָגט ער: „אַ װעלט שלאָגט
נישט אין ארץ ישראל זענען נישטאָ קײן
סודות“... אָבּער פֿון װאַנען װײסט ער װער
מיר זענען?... זאָגט ער: „איך בּין נאָט
צו דאַנקען, אַ תל־אביבער בּירגער, מיט
אַ װײַב, נאָט צו דאַנקען, און מיט צװײ
קינדערלעך“.

דערװײַל פֿאָהרען מיר פֿערבּײַ דער
מוטער רחל'ס קבר און כאָטש מיר אַלע
זענען שױן דאָרט געװען, װילען מיר
מקיים זײַן די מצוה פֿון כיבוד־אם און
מיר קוקען אַרײַן אין מױער'ל. אַז מיר
קומען אַרויס פֿון דאָרטען, מאַכט צו
אונז דער שאָפֿער: „איהר האָט שױן
אַמאָל געזעהן דעם עוזאל? אויב נישט,
קאָנט איהר איהם פֿון דאַנען זעהן“.
און ער בּעװײַזט אונז פֿונ'ם װעג אויף
אַ הױכען שפּיציגען בּאַרג, װאָס קוקט
אַרויס פֿעלזיג־אײַנזאַם ערגעץ װײַט פֿון
דעם דורכזיכטיגען זונגיגען מדבּר. דער־
בּײַ לײַענט ער אונז אַ קלײנע לעקציע,
אַז ער נעמט אויף זיך נישט די פֿער־
אַנטװאָרטליכקײט, צי דאָס איז טאַקע
אין דער אמת'ן דער בּאַרג, פֿון װעלכען
אונזערע קלוגע זײדעס פֿלעגען אַראָפּ־
שלײַדערען דעם נאַרישען בּאָק, אײַנגעלאָ־
דען מיט זײערע עבירות — לעזאזל —
װאָרום אַנדערע זאָגען, אַז אויף דעם
דאָזיגען באַרג האָט נאָך הורדוס זיך
אויסגעבּויט אַ פּאַלאַץ און אין דאָרטען
בּעגראָבּען געװאָרען. װער פֿון די זאָ־
גער'ס עס איז גערעכט — װעלען מיר
שױן בּעשטימען אין תל־אביב, און אויצט
פֿאָהרען מיר װײטער...

אונזער נײַער שאָפֿער נעמט בּײַ אונז
אויס אַז מיט זײַנע געאָגראַפֿישע ידי־
עות, אַז מיט זײַן נײַגונג צו הומאָר. נאָך
מעהר פֿון אַלץ געפֿעלט ער אונז שפּע־
טער אַבּוסעל, אַז מיר פֿערנעמען זיך
הינטער בּית־לחם אויפ'ן חברונ'ער שאָ־
סע. מיר טרעפֿען דאָרטען אונטערװעגענ

(ענדע װײַט 11)

(ענדע װײַט 11)

בּײַ מידלגקײט, גערײצטקײט מורא־נעפּיהל, שלאָפֿ־
לאָזיגקײט שװער אויפ'ן הארצען, בּרוסט־דרוק
מאַכט דאָס נאַטירליכע
Franciszka Józefa
בּיטער־װאַסער די בּלוט־צירקולאַציע אין אינטערליבע,
גלײַכמעסיג און װירקט בּערוהיגענד אויף דער מח
גען־טעטיגקײט.

פֿערראַט?

מעדיצינישער אַרטיקעל

פֿון ד"ר ה. רוזשאַנער

„הער דאָקטאָר! עס איז מיר שמאַרק
געלעגען צו זײַן אויסקורירט און פֿער־
לויף פֿון דער קורצער צײַט" — מיט
אַלעלײ װערטער, װאָס װערען אַרויסגע־
זאָגט אין װעהר אַ בּעמענדען מאַן, און װע־
רעט זיך געװענהליך צום דאָקטאָר אַ נײַ־
[illegible]

קאַלאַמבּורען און פּאַראַפֿראַזען

גיהנום

װער האָט עס נישט געװאוסט אין
שטעטל, אַז װען עס שטאַרבּט אַ שלעכ־
טער, זינדיגער מענש (רשע), נעמט
מען איהם אַרײַן אין גיהנום, װאו
מ'בּרענט און מ'בּראָט זײַן לײַב מיט הײ־
סע שפּיזען אויף פֿײַער? פֿיגװאַנען זשע
דאָס װאָרט גיהנום און אויך די פֿאָר־
שטעלונג װעגען דעם?

אַמאָל־אַמאָל, מיט אַ פֿיר טױזענט
יאָהר צוריק, איז אין ירושלים געװען
אַ מענש, װאָס האָט געהײסען הינ'ום
און האָט געהאַט אַנ'אײגענעם פּלאַץ

רענער. דאָס האָט געהײסען, אַז דער
גאָט איז אין כעס. האָט מען גענומען
אַ קינד, אַרויפֿגעלײגט איהם אויף די
אָרעמס פֿאַר אַ קרבּן. אַז דאָס קינד איז
פֿערבּרענט געװאָרען, איז דאָס פֿײַער
דערװײַל בּוסלעכװײַז אויסגעלאָשען גע־
װאָרען; און דאָס האָט געהײסען, אַז
גאָט'ס כעס איז אַריבּער.

די יודישע נביאים האָבּען די דאָזיגע
אָפּגעטערײַ פֿערמיטלינגט, אָבּער דאָס
װאָרט גיהנום איז געבּליבּען און פֿאָלקס
זכרון, װי אַנ'אָרט, װאו מ'בּרענט און
מ'בּראָט.

פֿון אַלטע יודישע אוצר

װאַנדער־פֿעלקער (נאָמאַדען) און געפּאַ־
שעט זײַנע שעפֿסען. פֿון קײן גמרא האָט
ער פֿערשטעהט זיך, נישט געװאוסט.
אָבּער שױן דער תלמוד האָט געמײנט
אַז ער איז געזעסען און די געצעלטען
(ישיבות) פֿון שם עבר און געלערענט
תורה...

הלעזמער

דער װאָרט קלינגט װי אַנ'עבּט יודי־
שער פֿון דײַטשער אָפּשטאַמונג, װי שנײַ־
דער, שנײַדער. ער שטאַמט אָבּער פֿון
העבּרעאיש, נאָר אַ ביסעלע פֿערגרײַזט.

ה'י האלט עס איצט אין דער וועלט מיט דער פראגע וועגען קינסטליכע אבארטען?

וואס זאגען די אנהענגער און די געגנער פון קינסטליכען אבארט? — קינסטליכע אבארטען ביי חיות און ווילדע מענשען. — טויט-שטראף און בלינד-מאכען פאר אפטרייבען. — „מעל-דונקעס" וועגען שוואנגערשאפט. — טשעקאווע פאקטען פון דער אמאליגער און איצטיגער צייט

פון י. פרושינאווסקי

אנגעקומען אין ענגלאנד, אז ס'זאל ווערען דערלויבט די געהעריגע געזעלשאפט־ליכע אונסטיטוציעס אויפצוקלערען די פרויען מכוח די פארהיטונגס מעטאדען געגען שוואנגערשאפט, ווי ס'איז אין האלאנד. און אפילו נאכדעם, ווי מען איז דארט געווארען ווײניגער שטרענג און די מינים, מעגען נאר געניסען פון דער געבענשטער אויפקלערונג בלויז פאר היראטע פרויען, מערלעך — ניטש.

און אט דער בעגרעניצונג ווייזט זיך בולט ארויס די ארייננמישונג פון דער עטיק, דערזעלבער „עטיק", וואס האט ערלויבט אלטען גרויבנלאנד מערלעך צו זיין אנגעווענדט אויף די אלימפיאדען און זיך צוקוקען צו די אדם־נאקעטע אנטוויקלונגען, און פארהיראטע פרויען דאס פארווערט אונטער טויט־שטראף.

וואס ענטפערען אויף אט די אלע טענות די פערטיידיגער פון קינסטליכען אבארט, אדער ווי זיי רופען זיך אליין אנהענגער פון געבורטס־שטראף?

קודם זאגען זיי אין אלגעמיין מודה, אז קינסטליכע אבארטען זענען געפערליך פאר'ן געזונט און לעבען, נאר זיי

די פרוי זיך באלד ניטש געדארפט לאזען בעפרוכפערען — ענטפערט מען דערויף, אז אזעלכע פערהיטונגס מיטלען פארקלענערען דעם געזעלשאפטליכען תענוג, אז ניטש שטענדיג האט מען קאפ צו געדענקען וועגען אזעלכע זאכען ובדומה.

געגען דעם פארוואורף, אז אזא אפעראציע איז ניטש קיין עטישע, ווערט געשטעלט די קשיא: צי דאס נעמען א פרוי אויסצוטראגען א פרוכט, וועלכע זי וויל פטור ווערען פון איהר לייב, איז יא עטיש, אדער צי דאס אפיציעלע שטרענגע פארווערען דעם קינסטליכען אבארט און אין דערזעלבער צייט דאס לאזען אפט אין טאג טעגליכען לעבען אזעלכע אפעראציעס אומבעשטראפט, איז אין הסכם מיט די דינים פון דער עטיק. אמת, ס'האנדעלט זיך דא אין א זעהר גרויסער זאך — אונז דערלויבען צו טויטען א מענשליך לעבען. אונזער גאנצע קולטור איז אין אלגעמיין דורכגענומען מיט'ן געדאנק וועגען זעהר היטען ווערט פון יעדען מענשליך איינצל־לעבען. אפילו א באהן שטעלט זיך אפ, כדי ניטש איבער צופאהרען קיין מענש. אבער

דער זיווג מן השמים

(א פאלקס־מעשה'לע)

איבערדערציילט – פון
מ. פראנקענטאל

די פרוי

(ראמאן)

פון
א. י. גראדזענסקי

(37־טע פארזעצונג)

אין אַן'אויטאָמאָביל דורך ארץ-ישראל

(ענדע פון זייט 7)

חעג א הובשע קאָמפּאַניע אַראַבער, מאַנספּבלען אין חעבער אין קליינע קינ־דער, ווי זיי שטעהען אַלע שהיינענדיגע אַרום אַן'אויסגעלאָשענעם אויטאָבוס מיט אַן'אָפענעם מעכאַניזם, ווי אַרום אַ בר־מינן. דער שאָפער פון'ם אויטאָ־בוס, אַ געוואַקסענער אַראַבער מיט גע־רונדעטע שוואַרצע וואָנסעס, פּאַרקעט זיך אין דעם מעכאַניזם מיט אַ פערצווייפעלטען פּנים, פון וועלכען עס גיסען זיך טייכען שווייס. שטעלט אָפּ אויך אונזער שאָפער זיין מאַשין און שפּרינגט אַראָפּ פון דער קעלניע. ער פרעגט עפּעס דעם אַראַבישען קאָלעגע גאַנץ לעבעדיג אויף אַראַביש, און יענער ענטפערט איהם מיט אַ רחמנות־פּנים, טרעט איהם אָפּ מיט זיין אָרט, ווייזט איהם דעם מע־כאַניזם און רופט איהם זעהר אונטער־טעניג: „כּאַוואַרזשאַ" (פּריץ). אונזער שאָפער קוקט אַריין אין מעכאַניזם, נעמט זיך באַלד צו די אינסטרומענ־טען, נעמט אַרויס אַ בוכעלע, און קוקט ווידער אין מעכאַניזם, אַרבייט דאָרטען עמליכע מינוט, שרייבט עפּעס אָפּ און פערשרייבט, דרעהט אָן דעם מאָטאָר — און דער מאָטאָר קלאַפּט שטעהען אַרום איהם אַלע אַראַבער, יונג און אַלט, קו־קען אויף איהם מיט טיפען רעספּעקט, ווי אויף אַ זעלטענעם יודישען מכשף. קאָנען זיך נישט אָפּחידושען. און דער געפאַלענער אַראַבישער שאָפער שטעהט אָן דער זייט, קוקט מיט די געדולטע שוואַרצע האָנטעם צו דער ערד, און אַז דער יוד ענדיגט זיין אַרבייט, דאַנקט ער איהם אונטערטעניג, רופט איהם נאָך אַמאָל „כּאַוואַרזשאַ", זעצט זיך אויף דער קעלניע, מאַכט צו איהם מיט יענער האַנד פון'ם האַרצען, און ווידער נעדאַנקט און געבענטשט — און פאָהרט אוועק. פון דעם אָפּגעפאָהרענעם אויטאָ־בוס קוקען אַלע שוואַרצע אויגען מיט גרויס חידוש און מיט גרויס קנאה צום יונגען יודישען מכשף...

— אפשר, אז מען מאַכט דעם ברית צו דריטצעהן יאָהר, — זאָגט אונזער פלינקער שאָפער, — בלייבט מען נאָך אַלץ אַ'ערל!.. אַ ישמעאל נעמט זיך אונטער פיהרען אַן'אַנגעפּאַקטען אויטאָ־בוס מיט מענשען — און ווייס ווענינגער, ווי פון אונז אַ חדר יונגעל. ער מיינט, ס'איז איהם טרייבען אַ קעמעל...

מיר פאָהרען ווייטער. און אונזער שאָפער ווייזט אונז אַלע מערקווירדיג־קייטען, וואָס ליגען אויף אונזער וועג. ער מאַכט מיט אונז אַ הקפה אַרום די „ברכות שלמה" — דריי גרויסע פּרעכ־טיגע וואַסער־רעזערוואַרען, אויסגע־האַקט אין פעלזיגען באָדען. די דאָזיגע „ברכות" (באַסיינען) וואָס מען גלויבט, אַז שלמה המלך האָט זיי געגראָבען, אַרויפגעטריבען צו זיי וואַסער פון די גאַהענטע קוועלען און דאָס וואַסער גע־צויגען דורך לייטונגען דערהערען קיין ירו־שלים, — זענען הגדרעמער און הגי־רערמער יאָהרען געווען פערשטאָפּט און פערשאָטן. איצט האָט מען זיי ווי די ארץ ישראל רעגירונג צוריק אויסגעגראָבען און אויסגערייניגט. און זיי שטעלען צו וואַסער קיין ירושלים, ווי אין אמאָליגע אַלטע צייטען.

נישט ווייט פון די „ברכות שלמה" האַרט בײַם וועג, זעהען מיר אַ קליינע אָרימע פערמע פון תימנער יודען, מיט אַ הויך און מיט אַ נידעריגען טויער, און איבערן טויער העננט אַ ברעטעל מיט אַ העברעאישער אויפשריפט: „מגדל עדר" ס'איז דער אייגנציגער סימן פון אַ יודי־שען ישוב אין דעם דאָזיגען פערוואָר־לאָזענעם אַטמאָספערן ווינקעל, און עס פּלייבט נאָר צו באַוואונדערן די קליינע תימנער יודעלעך, זייער גרויסען מוט און זייער גרויסע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַר אַ מדבר'דיגען הפקר... מגדל עדר איז אָבער אויך זעהר אַ משונה־דיגער אור־אַלטער פּלאַץ, בערוהמט דער־מיט, וואָס בעת יעקב אבינו האָט דאָ גערוהט און זיין געצעלט, אויפ'ן וועג פון פדן־ארם צוריק צו זיין פאָטער יצחק קיין חברון, האָט זיין עלטסטער זוהן ראובן זיך דערלויבט אַ צווייטען פלירט מיט דעם פאָטער'ס קעפּס־ווייב... ווער וואָלט דאָס געגלויבט? קוקענדיג אויף „מגדל עדר", דאַכט זיך — אַזאַ שפּוי־לער, אָרימער, פרומער ווינקעל...

דער באַרגיגער וועג קיין חברון איז אפשר דער הערליכסטער וועג אין א"י. ער איז הערליך מיט זיין זעלטענער קלאָרער שטאַרקער לופט, מיט זיינע קלאָרע שטאַרקע ווינטען, מיט זיין קלאָ־רען שטאַרקען דורכזיכטיגען ליכטשפּיל פון זון און ווינט און פעלזיגען שאָטען. דער אויטאָמאָביל לויפט פיל אויטען בויגען איבער'ן איסגעהאַקטען אַלטען פעלזיגען וועג, און דיר דוכט זיך, אַז דאָס לויפט חויך איבער'ן פּעקטען צענטער פון דער ערד, אַלץ העכער און העכער צו דער אַלטער וואָרצעלדיגער וואַלט־שטאָט — די שטאָט פון די ערשטע, פון די שטאַרקסטע, פון די וואַנדערליכסטע... דו פּליהסט פון אַ'ליך צו נידער און פון נידער צו הויך, עס בלאָזען זיך שאַרף די ווינטען און די לופט־שיכטען אויף באַרג און טאָל: אַז אַ'י מראַכטיגע קאַלט, און אַט איז זוניג־וואַרים, אַט ווערט טונקעל די וועלט ווי אין בויזען כמאַרערדיגען ווינטער. און אַט שמראַהלט ווידער דער ברייטער גומער ליבליגער זומער, אַט ווערט אויסגעבאַדט פון אַלע זייטען פון אַ וואַגדיגען בעמענדונגען שפּיגעל־ווינט, וואָס רייסט פון דיר די קליידער, וואָס אין גרויס צעטראָגען בערג און צעקרישע־לען פעלזען, און אַט האַרט אַלץ פּלוצ־לינג אויף און דו פאַלסט אַריין אין אַ שטילער מילדער זונינער אַטמאָספער. דו לאָזט זיך פאַמעלעך אַראָפּ און דעם הערליכען זונעדרינען ווייכען טאָל פון דער שטאָט חברון.

איי ער מיר קומען אַריין אין שטאָט, פאָהרען מיר פערביי דעם „אשל אברהם" — דעם אור־אַלטען גיגאַנטיש־ברייטען קנאָלענדיגען בוים, וואָס נאָך אַזן אברהם אבינו האָט איהם דאָ געקאָנט פערפלאַנ־צען. ער שטעהט דאָ ביים אַריינפאָהר אין חברון, אין זיין גרויסער שאָטענדי־גער ראָד אויפ'ן לויטערן זוניגען פאָן, ווי אַ פעסטער סימבאָל פון אַלטקייט, פון וואַרצעלדיגקייט, פון אייביגקייט...

דער זיווג מן השמים

(ענדע פון זייט 8)

אַז נישט, וועלען מיר האָבען חרפּות און בושות... הלואי, איהר זאָלט עס בייזע דאָס נישט דערלעבען... לאָמיך בעסער די ערד קוהלען, איידער ס'זאָל קומען דערצו...

— העלף מיר באַפּען דעם באַגרויט — שרייט ער ווי אַ צווילרעוועטער — וואָס שטעהסטו, ווי אַ ליימענער גולם? נישט אַנדערש, ס'מוז זיין עפּעס אַ רוח..

— רחמנה ליצלן... אַ דבוק...

בייזע, דער פאָטער און די טאָכטער, לאָזען זיך איבער די שטוב און פערשי־דענע זייטען, ער שפּרייט אויס די פּאַ־לעם — נאָך אַ ווילע זיי האָבען זי גע־פּאַקט, די ציג רייסט זיך, זי וויל ענט־לויפען און מעקעט משונה ווילד.

— האַלט זי פעסט — רופט ער אויס טריומפירענדיג — וועסט זעהען, וואָס כ'וועל טון מיט איהר... כ'וועל איהר אָנ־טוהען מיינע בגדי שבת... אפשר, וועט דאָס העלפען...

דער פאָטער טוט שנעל אויס די זיידע־נע יופּיצע, דאָס שטריימעל, דעם גאַר־טעל, און טוט דאָס אַלץ אָן די ציג — זי וויל זיך נישט בערוהיגען און מעקעט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, אַזוי אַז אַ־

בער אַלע חדרים הערט מען איהר „מ־מ־מעך!"

— כ'האָב נאָך איין עצה — זאָגט דער פאָטער מיט אַ שוואַך קול — גיב איהר גיך זיך אָנצוגעסען... אפשר, שרייט זי, ווייל ס'וואָלט זיך איהר עסען... ברענג אַריין די שבת'דיגע מאכלים... אַלץ שטעל אַנידער פאַר איהר... טאָמער וועט דאָס שוין נישט העלפען, איז עס אַ שטראָף פון דעם אויבערשטען... דאָס איז דיין עונש... און כ'וועל מיך איהר שוין נישט פרובען אָקעגענשטעלען — לאָז געשעהען, וואָס ס'דאַרף געשעהען...

די טאָכטער שטעלט אַנידער אויף דער פּאָדלאָגע די פיש, דאָס פלייש, דעם צי־מעס, לייגט אַנידער די חלה — כמעט אַלע מאכלים וואָס זענען געווען אָנגע־גרייט פאַר'ן עולם אויף שבת. ביידע, דער פאָטער און די טאָכטער, נעהמען זיך ערשט איצט צו דער רעכטער אַרבייט: מען נעמט קאָרמיען די ציג און שטו־פּען איהר אין מויל אַריין אַלע שבת'־דיגע מאכלים. — די ציג רייסט זיך פון זייערע הענט, דרעהט מיט'ן קאָפּ און וויל גאָרנישט טועם זיין: זי מעקעט שטאַרק מיט די לעצטע כוחות, ווי רו־פּענדיג עמעצן נאָך הילף.

ביידע בלייבען שטעהן, ווי פערשטיי־נערטע, און קוקען מיט שרעק אויף איהר. די טיר פראַלט אויף האַסטיג, ס'קומט אַריין דער מחותן, נאָך איהם בעווייזט זיך אַן'עולם יודען, אַלע שטופּען זיך אין חדר אַריין.

— מחותן, וואָס לאָזט מען עפּעס גלאַט וואַרטען דעם עולם — פרעגט דער לובלינער פערוואונדערט ס'איז דאָך שוין שפּעט... דערעולם איז נישט צופרידען... קומט אַריין, מחותן, און הייסט עפּעס דערלאַנגען צום טיש.

— יודען, ס'איז מיר געשעהען אַן'־אומגליק — שרייט אויס דער בעלמער, ווי נישט מיט זיין קול — כ'בין גע־שטראָפט געוואָרען מן השמים... כ'קום אַ אַ'עונש... מן הסתם, פאַר מיינע זינד... מיין קינד, איז ריין דערפון...

— וואָס איז געשעהען? — פרעגט איינער פון עולם פערוואונדערט

— פרעגט בעסער גאָר נישט — קומט דער בעלמער אַריין און עקסטאַז און רעדט וואָס אַמאָל אַלץ מיט מעהר פייער — מיין טאָכ־טער בעלמער אַריין און רעדט וואָס אַמאָל אַלץ מיט מעהר פייער — מיין טאָכ־טער האָט מחלל שבת געווען... זי האָט אונז צוגענומען דעם עונג שבת... דעם עולם מבייש געווען... די הצפה האָט צו־בראָכען אַ גלאָז אום שבת... גאָט'ס שטראָף איז געקומען אויף מיין הויז... די קאָזע נעהמט נקמה פון מיר... זי וויל איך דעם חמא דערצעהלען... זאָג איך עס אייך... איידער די קאָזע זאָל מיך פערמסר'ן פאַר אייך איז מיר אַ סך ליבער, כ'זאָל עס אַליין אויסזאָגען...

— איצט, מחותן ווייסט איהר שוין אַלץ און טוט, ווי איהר פערשטעהט... יודען, בעט אייך איבער במחילה גמורה.

דער עולם איז געבליבען שטעהן, ווי געפלעפט, קוקענדיג פערוואונדערט איי־נער אויפ'ן צווייטען. ביסלעכווייז האָבען זיי אָנגעהויבען אַריינצוגעהען צוריק אין דער צווייטער שטוב, מ'האָט געפּראַוועט אַ פרעהליכע סעודה און אַלע האָבען שוין כמעט פערגעסען די פריהעריגע מעשה, נאָר דער לובלינער מחותן איז אַ גאַנצען שבת אַרומגעגאַנגען צוטראָגען און געווען שטאַרק פערטראַכט, נישט גערעדט צו קיינעם אַ וואָרט און גע־זעסען צוגעזוגערט פון עולם יודען — ווי די גאַנצע שמחה וואָלט פאַר איהם געווען אַ פערשטערטע.

— כ'וועל זעהען — האָט ער זיך גע־טראַכט — איז דאָס אַ בעשערטע זאַך, מיין קינד זאָל אַריינפאַלען אין אַזאַ העק: דאַרף אין די שטאָט זיין לויטער אַזעלכע ווייז־חכמים... אלא נישט, וואָס האָב איך עפּעס מיין קינד אומגליקליך צומאַכען און אַריינצוגעבען צווישען אָפּ־גערוסענע נאַראָנים.. כ'וועל אַרויסגעהען אין שטאָט אַריין און וועל אַלץ דערגע־הען... און אפשר איז עס אַ גאָט זאַך: וועל איך דאָך מיך נישט אַריינמישען דערין — צושטערען אַ זיווג מן השמים..

קוים ס'האָט אָנגעהויבען פונקטער ווע־רען און אויפ'ן הימעל האָט זיך בעוויזען דער ערשטער שטערען, איז דער לובלי־נער מחותן אַרוים אין גאַס, צווישען, ווער די בעלמער איינוואוינער זענען און אָט, וואָס ער האָט באַמערקט:

* * *

מעשה נומער איינס

ס'איז אַ העלע לבנה־נאַכט. דער בלאָ־סער שיין באַלייכט די גאַנצע געגענד. דער לובלינער דרעהט זיך אַרום איבער די שמאָלע נעדרעהטע געסלעך און אַט באַמערקט ער אַז אַזוי ווי אַ שאָטען רוקט זיך עפּעס אַ פיגור האַרט ביי די ווענט, צוקוקענדיג גאַנץ גאָהענט, דער־זעהט ער פאַר זיך: אַ מאָגער, אויסגע־דאַרט יודעל, מיט אַ שפּיציג בערדעל און צוויי גרויסע דערשראָקענע אויגען

— יענער מאַכט זיך אויהם ווי נישט באַ־מערקען און טוט ווייטער זיין עבודת הקודש פאַר יעדען הייזעל שטעלט זיך דאָס יודעל אָב, נעהט צו צו די פענסטער און נעמט אַראָפּ די לאָדענס און טראָגט זיי אַוועק איבער פערשידענע זייטיגע געסלעך צו אַ בעשטימט אָרט. דער לובלי־נער קריכט איהם שטיל נאָך און, ווען יענער קומט שוין צו צום שול־הויף, דערזעהט דער לובלינער פאַר זיך אַ מאָד־נע זאַך: אַ גרויסער פיר־קאַנטיגער פּלאַץ און פון אַלע זייטען ביי די ווענט שטע־הען געשטעלט גרויסע קופּעס מיט לאָדענס, שורות'ווייז צוגעשטעלט, און אַלע ווילע פערשוואונדט דאָס יודעל, ווי אַ לולב הויך, און ברענגט צו פרישע און שטעלט זיי אַוועק צו די ערשטע, אַזוי אַז דער גאַנצער פּלאַץ איז שוין כמעט איבערפילט מיט לאָדענס, אַראָפּגענומע־נע פון אַלע שטעטישע הייזלעך.

דער לובלינער קוקט פערחידושט אויף דער גאַנצער מעשה און ער גיט פּלוצ־לינג אַ פרעג דעם יודעל:

— צו וואָס טוט איהר עס?

— ס'איז היינט די ערשטע סליחות־נאַכט — זאָגט דאָס יודעל — דאַרף איך אָנקלאַפּען ביי יעדען פענסטער און אויסרופען: „שטעהט אויף צו סליחות"

— גיב איך אַזן קלאַפּ און די אַלע לאָ־דענס און די יודען וועלען אויפשטעהען פון זייערע געלעגער'ס און געהען דינען דעם בורא... איצט, פערשטעהט איהר שוין?

דער לובלינער האָט אַ קרענקליכען שמייכעל געטון און שנעל אַוועק פון דאָרט.

* * *

מעשה נומער צוויי

דער לובלינער קומט אָן אין אַ זייטיג־געסעל. צו אַ הויז שטעהט צוגעשטעלט אַ גרויסער ליימער און עטליכע קצבים שלעפּען אַ קוה אויף איהר, יענע פאַלט צוריק פון אַ שטאַפּעל, צושעריגט עמי־צען, אָבער ס'קומען באַלד צוהילף וואוי־לע יונגען און מ'שלעפּט די קוה ווייטער אויף די ליימער, וואָס אַמאָל אַלץ העכער און דער עולם צוקוקערס האָט דער־פון הנאה. די ליימער האָט זיך פּלוצלינג איינגעבראָכען און די קוה איז אַראָפּגע־פאַלען פון דער הויך, מיטשלעפּענדיג מיט זיך עטליכע פון אירע בעלי הביתים. די צושעדיגטע ליגען און קרעכצען, מ'לויפט נאָכ'ן רופא, כדי די גלוסטענע צו געבען הילף.

— וואָס וועט מען טון? — רעדט איינער פון עולם שטאַרק צערודערט, קענטיג אַ בעל הבית — ווי אַזוי וועט מען די קוה געבען צו עסען?.... אויף

דעם בוידעם ליגט דאָס היי, ווי קריגט מען עס אַראָפּ אונטער...

דער לובלינער האָט שטיל אויסגע־הערט די טענה און גאָרנישט נעזאָגט.

* * *

מעשה נומער דריי

אין מאַרק איז אַן'אַנלויף, אַ געשמאַ־פּענוש, אַ געדראַנג. פון אַלע זייטען לויפט עולם אַהער אויף חידושים. אַ קליין איינגעפאַלען הייזעל ווערט בעלאַגערט פון מענשען מ'קוקט אַריין אַהין דורך די פענסטער מ'שטופּט זיך און די טירען, זיי ווילען מיט געוואַלד אַריין און די איינווייניגסטע חדרים — אַ ים פון מענשען־קעפּ, אַ גרויסע שוואַרצע גע־דיכטע מאַסע. דער עולם קוקט מיט שטומע בליקען אַרום זיך, אַ סך רעדען עפּעס און דער שטיל. אַלע אויגען קוקען מיט נייגיר אויפ'ן הויז, ווי זיי וואָלטען וועלען דערגעהען פון דאָרט אַ גרויסען סוד.

— וואָס איז דאָ געשעהען? — פרעגט דער לובלינער.

— אַ גרויס וואונדער — רופט זיך אָפּ צו איהם אַן'אַלטע באָבע מיט אַן'־איינגעשרימפּען פּנים און אויין צאָהן אין מויל — פיר קינדער זענען געשלאָ־פען אין איין בעט און האָבען זיך פער־טוישט די יוצרת... זיי קענען זיך שוין איצט נישט אויספּלאָנטערען און צוריק בעקומען זייערע אייגענע פיס... לויפט דער עולם דאָ אַהער זעהען דאָס גרויסע וואונדער.

— גענומען אַ ראַפּניק און רער־לאַנגט זיי איבער'ן לייב — זאָגט דער לובלינער מיט שפּאַס — וועלען זיי שוין אַליין כאַפּען די פיס און מאַכען פּליטה.

קיינער האָט נישט אויסגעהערט זיינע ווערטער, חוץ איינער האָט געמאַכט פון איהם ליצנות.

— מן הסתם, אַ לובלינער חכם — לאַכט יענער — מ'זאָל זיי שוטער ווייען און זיי זאָלען געריכט אויפגעהען.

דער לובלינער האָט בעשלאָסען שוין ווייטער און ערגיץ נישט צוגעהען, ער איז שנעל אַרויף צום צווייטען מחותן, אָפּגעשמיעסט זיין חתונה און שפּעטער האָט מען געפּראַוועט אַ שמחה כדת משה וישראל.

———:0:———

פון דער סדרה

(ענדע פון זייט 6)

געשטראָפט, זאָגענדיג, בין איך דען געוואוינט געוועזן דיר אַזעלכעס צו טון, האָט ער נישט געקענט שטאַנדהאַלטען און האָט געענטפערט: „ניין", יוסף איז געוועזן דער קליינער פון די שבטים, דאָך האָבען זיי נישט געקענט ענטגע־גענשטעהן זיין תוכחה, ווי ס'שטעהט אין דערמאָנטען פסוק, מכל־שכן, דעמאָלט, ווען דער אויבערשטער וועט קומען און וועט יעדערן בעזונדער שטראָפען, ווי עס שטעהט (תהלים): אוכיחך ואערכה לעיניך.

(ומדרש רבה)

———:0:———

דאָס רעכט צו ליבע

EWELINA HOLT i IGO SYM

היינט און טעגליך!!! דער הערליכער שטימער פילם אין איצטיגן סעזאָן, וואָס ענטשיידעט דאָס פּראָבלעם: „צי מעג חתונה האָבן אַ מאַן, וועלכער איז אומפעהיג צו ליידענשאַפטליכע ליבע" צו אַ פרוי, וואָס איז ווייב, נאָר פון נאָמען האָט רעכט צו ליבע, ווען עס דערוועקן זיך אין איהר די ליידענשאַפט

צויבערנדער פילם־ראָמאַן פון נאָך מלחמה'דיגען פאַמיליען־לע־בען. הויפּט־ראָלען פיהרען אויס

אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ שבת, זונטאָג 12 מיטאָג לעצטער סעאַנס 10 אָוו. פרייזען פון פּלעצער פּאָפּולערע, אויפ'ן ערשטען סעאַנס פון 1 זל. אָן. שבת, זונטאָג פון 12–3 נ"מ צו 75 גר. און 1 זל.

LUNA

הערליכע מוזיק־אילוסטראַציע פון גרויסען סימפ. אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ל. קאַנטאָר.

Ramon Novarro

„פּאַרוטשניק אַרמאַנד"

היינט און ווייטערע טעג!!

דער אָפּגאָט פון די פרויען, אויסערגעוועהנל. אַקטיאָר

זינגט די נייעסטע שלאַגער'ס: „פּאַסטוך־סערענאַדע" „ווער נאָך, ווי דו קושט אַזוי זיס", „מאַרש פון דער אַלטער גוואַרדיע", און אַנדערע ליבעס־לידער — א. נ.

אויסערן פּראָגראַם: נעגער־טענץ און געזאַנג. פּרייזען פון די פּלעצער נאָרמאַלע. אויף די פריהמאַרגענס־ערמעסיגטע.

קלאַנג־פילם

Grand-Kino

אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ, שבת, זונטאָג און חגאות 12 אַ זייגער מיטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אַ זייגער אָוו.

איינמאָל איז לעבען

היינט פּרעמיערע!

גרויסער יום־טוב־פּראָגראַם

אין די הויפּט־ראָלען: Kathryn Cravford און די רייצענדע Glenn Tryon

אַ פּאַרס וואָס שרודעלט מיט הו־מאָר און וויץ, וואָס פערטרייבט אַלע דאגות. אויפ'ן פּאָן פון איבערלע־בונגען פון אַ גענייאַלען ערפינדער.

נאָהנסטער פּראָגראַם: „דער העלדישער זשורנאַליסט" — אַ הערליכע דראַמע אויפ'ן פאָן פון העלדישן לעבן פון אַ זשורנאַליסט.

פּערגרעסערטער אָרקעסטער. דער זאַל איז געהייצט. אָנהויב פון די סעאַנסן 5.30 שבת, זונטאָג און יו"ט 3 נמ. לעצטער סעאַנס 9.30 אָוו.

קינאָ־טעאַטער

STYLOWY

פריער „שהיט" פּאָמאַרסקאַ 89

צופאָהר מיט'ן טראַמוויי נומער 4

Dr. med. J. BETTE

ספּעציאַל־אַרצט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען

צורימגעקעהרט

Piotrkowska 6, tel. 144-95

נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4–6 נאָכמ.

Dr. med. Z. DATYNER

אוראָלאָג

ספּעציאַליסט פאַר נירען־בלאָז און אורין־קראַנקהייטען

Piramowicza 2, tel. 148-95

נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און 6–8 אָוונט.

בוכהאַלטעריע

איינפאַכע און דאָפּעלטע (איטאַליענישע און אַמעריקאַנישע)

ווי אויך מאַשין־שרייבען און רעכענען לערן איך אויס גרינדליך פאַר 30 זל. בלויז מאַשין־שריי־בען 10 זל. קילינסקיעגאָ 50 (פריהער צע־געלניאַנאַ 55) קוואַר אָפיצינע 1טער שטאָק. מיר ערטיילען אויך קאָרעספּאָנדענץ, האַנדעלס אַריטמעטיק און סטענאָגראַפיע.

טוך־ און קאָרט־לאַגער

Sz. Maroko, Łódź

נאַוואָמיעסקאַ 2 פראָנט 1 שטאָק טעל. 15948

הן לא חכמה תקרא, ותבונה תתן קולה, אם תקח אמרי, ומצותי תצפן אתך, אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום ילך בטח, ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאָלסט נאָר קומען אין דער בירא פון

ד. מאַנעלאַ

וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון 2. הויף, אויפן ערשטן הויף

פּיעטריקאָווער 17 לינקע אָפיצי־נע פּאַרטער. טעל. 124-95

ד. מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17 ערשטער הויף.

POPADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר ווענערישע הויט־קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען־קראַנקהייטען.

קוואַרץ לאָמפּ־עלעקטרישער הייל־מאַגנעט־מאַטעטיק

טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

בעזונדערע וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטעס

רעפאַרמאַצקע פּילען

מיט דער מאַרקע „גײסטליכער“ בעקאַנט פון יאָר 1602
רעגולירען דעם מאַגען, שיצען פון רעוומאַטיזם, לעבער
ליידען, גאַלען דיקקייט, אַטרעטיזם, דאָס קומען בלוט אין
קאָפּ, שטילען די יסורים פון העמאָראָידען, רייניגט
דאָס בלוט און ביינייגונגען צו אָבסטרוקציע — אַ גינסטיג
דורכריינונגס-מיטעל.
צוגעבראַכט 1 אָדער 2 פילען אַ נאַכט.
פּרייז פון אַ שאַכטעל 1.35 אויסאַרבייטונג פון דער אַפּטייק
Karczewski i Toszyński, Warszawa
Trębacka 4
אויפּרלאַנגען אין די אַפּטייקען און סקלאַדען מיט'ן „גייסטליכען“ (zakonnik)

וואַרפט נישט אַוועק אויסגעבערענטע זשאַרובקעס!

מיר טוישען אויס אויף נייע (regenerowane) פאַר אַ האַלבען פּרייז.

Inż. Juljusz Hamer
6-go Sierpnia 1, tel. 188-58

האַנדעלס-קאָרעספּאָנדענץ

פּוילישע, דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע

ערלעדיגט דאָס ביוראָ „אַרגוס“
זאַכאָדניאַ 36 טעלעפאָן 108-47

פלעגט די פיס

PEDICURE

S. Łódzki
Traugutta 5 (Krótka m. 10.) **tel. 170-37**
נעמט אָן פון 11–2 און פון 4–7 אָוו. — געוועזענער
אַסיסטענט ביי מיסטער עמאַלען (היהנער-אויג-אַנשטאַלט
אין לאָנדאָן). — ספּעציאַליסט צו בעזייטיגען הונערל
אויגען און האָרנהויט, ווי אַריינגעוואַקסענע נעגע-
לען אָהן שמערצען.
ft37

Dr. Wołkowyski

האָט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגיעלניאַנאַ 36
טעלעפאָן 216-90
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט ווענערישע קראַנק-
הייטען און מענער-שוואַכע. עלע-ארט אַנאַליזע
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַלען.
נעמט אָן פון 9–2, און פון 5–9 אָוונד,
בעזונדער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. L. PIKIELNY

UROLOG
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אָן פון 12–1 און פון 4–7

Dr. med H. Różaner

ספּעציאַליסט פון הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען
און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-98
נעהמט אָן פון 8–10; 5–8 אָוונד
אַ ספּעציעלע וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. Adam Bender

נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָווניע

— אונטער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט —
מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וואָקלאַדקעס נעגען פּלאַטפיס
קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַ-
טען א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28 וו. 1, פון 5–7 אָוונד

Dr. med.
G. Gersztajn

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען
Traugutta 12 (טראַוגוטאַ)
Telefon 175-10
נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָוונט

קינאָ
ZACHĘTA

זגיערזשער-גאַס 26.

פון 25-טן דעצעמבער און ווייטערע טעג!
-::- הערליכער יום-טוב פּראָגראַם - א. נ. -::-

פּערראַט

(ליבע פון אַ רב'ס טאָכטער צו אַן עסטרייכישען אָפיציר)
עמאָציאָנעלע דראַמא פון דער צייט פון וועלט-קריג. אַ פילם
מיט שטאַרקער דראַמאַטישער שפּאַנונג. אויסערגעוועהנליכער
אינהאַלט און הערליכער שפּיל. — אין די הויפּט-ראָלען: —
Virian Gibson, Albert Steinrück,
Eliza la Porta, Alfons Fryland
מיט'ן אָנטייל פון אַ כאָר.

אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' י. סטעפּאַנסקי
אָנפאַנג פון די סעאַנסען אין די וואָכען טעג 4 אַ זייגער נאָכ-
מיטאָג. — שבת, זונטאָג, און חגאות 12 אַ זייגער פאַרמיטאָג.
דער זאַל איז בעהייצט.

אין קורצען: **די שטערן-עסקאַדרע**

מעכאַנישע שלאָסעריי און ווייסעריי

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11 (róg Zachodniej)
כ'נעם אָן פערשידענע שלאָסעריי-אַרבייט און אויטאָגענישע
שווייסונגען אונטער גאַראַנטיע.
פּריוואַט-וואוינונג גדאַנסקאַ 20. וו. 17.

חתן-כלה-בריף

פון אברך
פערלאַג „מצפה“ וואַרשאַ
זענען אַרויס פון דרוק.
דאָס נייעסטע פון אַלען נייען און דאָס שענסטע
פון אַלעם שענעם שטעלט מיט זיך פאָר דאָס
דאָזיגע מערקווירדיגע בוך! חתן-כלה-בריף איז
אַ קונסט-בריפענשטעלער פאַר חתן-כלה, אין
וועלכען עס קלינגען אָב די טענער פון שיר-
השירים! יעדער בריף,—פון אַלע חתן-כלה-מאָ-
מענטען, פון אַלע טיפען, פון אַלע קלאַסען —
איז אַ מייסטערווערק פאַר זיך, לייכט, בעחנ'ט,
הומאָרפול און שפּאַנענד! די איינלייטונגען צו
די חתן-כלה-אַקטען און התונה-אַקטען זענען
העכסט בעלעהרענד, שעהן און אינטערעסאַנט!
חתן-כלה-בריף זענען אַרויסגעגעבען זעהר שעהן
אַלבום-פאָרמאַט, 80 דרוק-זייטען, פּרייז 2,25 זל.
צו בעקומען אין אַלע בעסערע בוכהאַנדלונגען.
הויפּט-פערקויף ביי:
J. Breisblat, Warszawa, Mylna 9 m. 52
P. K. O. 22032
Warszawa, Dzielna 9 m 27 און ביים אויטאָר

פּוילישע שפּראַך

ווערט ערלערנט גרינדליך דורך אַ קורצער צייט
חסכאָרניא 29, וו. 3.

האַנדעלס-פּאַטענטען 1931

ערלעדיגט דאָס ביוראָ „אַרגוס“
זאַכאָדניאַ 36, טעל. 108-47.

אַכטונג,
ציימונגס-פערקויפער!

יעדען מאָנטאָג פון 6–7 אין אָוונד
דיזשורירט די פערוואַלטונג.
יעדער בע'עולה'טער מיטגליד קאָן זיך מעלדען
אין די אויבען-אָנגעוויזענע שעה'ן.
די פערוואַלטונג.

ביכער

א היים אויסצולייען

פּוילישע און יודישע ביכער גיב איך אַהיים
אויסצולייענען אויפ'ן חודש און אויפ'ן שטיק
זעהר ביליג, אויך קויף איך אַלטע פּוילישע
יודישע און אַנדערע ביכער. איך האָב אויך
צו פערקויפען פערשידענע ביכער, לידער, טע-
אַטער פּיעסען, מאַגאַלאָגען. צו ווענדען זיך
צום ציימונגס-פערקויפער:
וועלניאַרזש, ייל-שטאַט 1.

אַ בעסערער יונגערמאַן

קאָן בעקומען געלעגענהייטליך לאָזשי ביי
אַן'אינטעליגענטער פאַמיליע. צו ערפאַהרען
אין אַדמיניסטר. פון „לאָדזער טאָגעבלאַט“
אונטער „M. W.“

נייער
קאָנצערט-זאַל

פּיראַמאָוויטשאַ 3
וויכטיג פאַר מחותנים!

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז דער זאַל איז
פריש רעמאָנטירט. איז צו פערדינגען אויף
חתונות, בעלער און ראַוטען צו ביליגע פּרייזען
צו ערפאַהרען אויף דעם אָרט ביי כיימאָוויטש.

אַ פּאָסטען

אַלס טעכנישער צייכנער (ריין) בוכהאַלטער (ריין)
טעקסטיל-מייסטער
קענסטו לייכט בעקומען, ווען דו ענדיגסט די
ענטשפּרעכענדע אָפּטיילונג פון די פאַכמענישע
קורסען ביים טעקסטיל-מייסטער-פערבאַנד (זאַ-
כאָדניאַ № 63). דער סעקרעטאַריאַט איז אָפען
טעגליך פון 6–8 אָוונד.
פּראָספּעקטען אומזיסט.

עס ווערט פערקויפט
אַ געוועלב מיט אַ שטוב

אויף פּעטריקאָווער 223, צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט

אַ טשעק אויף 1000 זל. אונטער'ן לויף-
נומער 282 איז פערלוירען געוואָרען. אויס-
שטעלער לייב בזשיסקי, לאָדז, ווסכאָדניאַ 25,
ג. צאַהלבאַר ד. 13. דעצעמבער 1930 אין דער
„אגודה“ - באַנק זאַוואַדזקאַ 11. דער טשעק
ווערט ערקלערט פאַר אונגילטיג. אָפּצוגעבען
צו ה' י' גאָלדבערג, פּעפּער-גאַס 8.

אַ פראָנט-געוועלב

צוזאַמען מיט אַ שטוב אין צענטרום נאָוואָ-
מיעסקאַ-גאַס זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ער-
פאַהרען אין דער אַדמיניס. אונטער „M. P.“

פערמעגליכע עלטערן

זוכען אַ שדכן

וועלכער פערקעהרט אין בעסערע הייזער
אַדרעסען אָפּצוגעבען פאַר S. Z. אין דער
אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט“

אַ האַנדעלס-לאָקאַל

פון איין צימער, קאָמפאָרט איינגעריכ-
טעט אין צענטרום פון שטאָט, פּעטריקאָ-
ווער גאַס פון זאָפאָרט איבערצוגעבען.
אָפּערטען אָפּצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע
פון „לאָדזער טאָגעבלאַט“ אונטער „B. K.“

שרייבען שעהן און שנעל

לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף
ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס. אויך ווערט
אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען
בריף אין 15 טעג, אפילו דעם וואָס קען
גאָרנים. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.
זאַוואַדזקאַ 19 פּר, 1 ש.

Słuchawki, detektory, głośniki, aparaty odbiorcze
oraz **części radjo-elektrotechniczne** poleca
Inż. Juljusz Hamer
6-go Sierpnia 1, telefon 188-58

וויכטיג פאַר
סוויטער-פאַבריקאַנטען און בייטעל-מאַכער!

די בעסטע בליטץ-
פערשליסער אין אַלע
גרויסען און קאָלירען
צו בעקומען אין
הורט-
גאַלאַנטעריע-
געשעפט
אַפּפעלבוים,
פּאָלנאָצנאַ 2.

טאַנץ-שולע פון I. ZALCMAN

צעגעלניאַנאַ 54
טאַנץ-לעקציעס לויט די לעצטע אויסגאַבען אויפ'ן צוזאַמענ-
פאָהר אין פּאַריז. פּריוואַט לעקציעס. צעגעלניאַנאַ 64
אין מיר אַסיסטענץ פון בעקאַנטען פּאַרטענער קאָנראַד
קערי. איינשרייבונגען פון 11 — 2; 4 — 8 נאָכמיטאָג
צעגעלניאַנאַ 64.

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אָנ-
געוועהטאָגטע ענינים זאָלסטו קומען
צו לויפען אין דעם ביוראָ
פּעטריקאָווער 17
2-טער הויף פּאַרטער

דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79,
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען
אַלערליי ביטעס, קלויזולעס און זאַ-
בעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין
פּוילען איז משך פון 24 שעה. אַפּעל-
לאַציעס, אַפּאַזיציעס, אַדוואָקאַניעס, רע-
קורסען וועגען פּעסער, וויזעם אין קאָ-
מיסאַריאַט-זשאַנדו, וועקסעל-אינקאַסאַ
אויף גאַנץ פּוילען און גאַליציען ווערען
פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט
צו די ביליגסטע פּרייזן. שותפות-אַקטעו,
סטאַטוטן, איבערזעצו אינטערציזיעס,
אַקטו, דאַראַוויזנעס אַלערליי ספּראָוועס
ווערען אָנגענומען אַדורכצופיהרען, עוועג-
טועל מיט אַנ'דוואָקאַט.
די איינציגע מאָכטער
פון **ישראל מאַנעלאַ**
2-טער הויף פּאַרטער, דורכגאַנג
זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79.
בעמ.: דאָס ניי - „געבאַקענע“ מאַנעלאַ-
ביוראָ אויפ'ן ערשטען הויף האָט נישט
קיין שום שייכות מיט'ן לאַנג-עקזיסטירענדען
ביוראָ, וואָס געפינט זיך
אין צווייטען הויף פּאַרטער
טעלעפאָן 148-79

אין מיין ביוראָ

ווערט ערלעדיגט ביטעס און אורזענדעס, סאָנ
דעס, היפּאָטעקען, ירושות, די בעסטע עצות
אין יורידישע געשעפטען אויף היפּאָטעקן-חובות
י. זאַמעק פּאָמאָרסקאַ 19
טעלעפאָן 200-10

פערשידענע
וואוינונגען

צו פערמיטען. ערפאַהרען ביים ווירט טעל. 168-67

מיט אַ רוהיג געוויסען

קענען מיר גאַראַנטירען,
דאָס מעטאַל-בעטעו, קינדער-וועגעלעך
אַטראַצען פאַר העלצענע בעטען לויט'ן מאָס
פּאַטענט", וואָש - בישען און וויזש-מאַטשקעס
אַמביליגסטען איז צו בעקומען אין
פאַבריקס-לאַגער
„Dobropol“
פּיעטריקאָווער 73 אין הויף, טעל. 158-61

יאַטשקאָווסקי'ס

פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק
בערגסאָן — דער געלעכטער, 4 זל. בידער-
מאַן א, — אויפ'ן הימעל אַ יאַריד, 3.50 זל.
גיבראַן — קאַליל דער נביא 3.50 זל.,
גינזבורג א. ד"ר — יודישע דענקער און
פּאָעטען אין מיטלאַלטער 1-2 10.80 זל.
גינזבורג — ענטשטעהונג פון קריסטענטום
4.20 זל., העקעל ערנסט — די וועלט-רע-
טענישען — 7 זל., וויינינגער אָטטאָ —
געשלעכט און כאַראַקטער (אין 3 בענדער)
13 זל., זאַמבאַרט וו. — ליבע, לוקסוס און
קאַפּיטאַליזם 5.25 זל., טייטעלבוים א. —
טעאַטראַליאַ 6.25 זל., טראָצקי ל. — דער
אמת וועגען ראַטענפערבאַנד 8 זל., מערי-
סען ד"ר — מעדיצינישע וויסענשאַפט 3.30
זל., סמאָליאַר ב. — קליינוואַרג 4 זל.,
סינקלער א. — דאָס בוך פון לעבען 6.50
זל., פּאָעל דע קרויף — מיקראָבען-יעגער
8 זל., פאַלינסקי וו. — די ליטעראַרישע
שטרעמונגען אין ראַטען-פערבאַנד פון
1917—1927 7 זל., פלעכאַנאָוו וו. — דער
היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און זיינע געג-
נער 7.50 זל., קאָפּעלע פּראָפ. — די גע-
שיכטע פון דער פילאָזאָפיע (2 בענדער)
6.25 זל., קראָפּאָטקין פּ. — רעדע פון אַ
בונטאַר 5.25 זל., רובין ד"ר — אידעאַל און
עלענד 3 זל., שטשעגאָליעוו פּ. — פּראָוואָ-
קאַטאָר אזעף 7.50 זל., שלענגאָווסקי
פּראָפ. — אַלגעמיינע געשיכטע 1 באַנד און
געשיכטע פון ציוויליזאַציע 6 זל., שאַצקי
יעקב ד"ר — ספּינאָזאַ און זיין סביבה 9 זל.,
פּריטשע וו. — די סאָציאָלאָגיע פון קונסט
6 זל., סינקלער א. — בריוו צום אַרבעטער
2.50 זל., גינצבערג א. ד"ר — דער תלמוד
2.75 זל., טען היפּאָליט — פילאָזאָפיע פון
קונסט 5 זל., ריאַזאַנאָוו ד. — אָפּהאַנדלונג
צו דער געשיכטע פון מאַרקסיזם (1 באַנד
אין 3 טייל) 14 זל., דרעווס אַרטור — גע-
שיכטע פון דער פילאָזאָפיע VII באַנד
אָנהויב פון XIX י.ה. 2.50 זל., וואַלינסקאַ—
לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי 9 זל., פּ. קאָגאַן —
די געשיכטע פון די רוסישע ליטעראַטור
פון די אוראַלטע צייטען 8 זל., פּ. גורעוו—
דאַרוויניזם און אַטעאיזם 4.50 אַלע ביכער
זענען צו בעקומען אין פראַכט-באַנד. פּרייז
פאַר די באַנד 2.25 זל. די אַלע ביכער זע-
נען צו בעקומען אין דעם הויפּט-פערקויף
פאַר לאָדז אין דעם בוכהאַנדלונג
נ. בערלינסקי אַלט-שטאָט 12
אין הויף, 2-טער שטאָק.

נאָכמיטאָג חדר

פאַר קינדער, וואָס לערנען
אין פּאָווסעכנאַ שולע
אין **י. ד. ראָזענפעלד**
פּלאַץ וואָלנאָשטשי, (נייע שטאָט) 6
מעלדעט דאָס ס'ווערען אָנגענומען קינדער פון
יעדע עלטער צו לערנען אַלע למודי קודש
עברי, חומש, רש"י, תנ"ך משניות, גמרא
העברעאיש און יודיש.
3 זל. אַ וואָך 3 זל.
איינשרייבען פון נייע תלמידים פון 4–7 אָוו-
גערענקט דעם אַדרעס: נייע שטאָט 6,
קווער אָפיצינע רעכטס 2-טער שטאָק.

Dr. med. **St. Praport**
Ginekolog Urolog
ספּעציאַליסט פאַר פרויען און אורין קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 6–8 אָוונד
גדאַנסקאַ 77ª, טעל. 208-95
אין לעטשניצע „סאַניטאַס“, ציגעל-גאַס 29
פון 11 ביז 1 מיטאָג.

וויכטיג פאַר דאַמען!

נאָר פאַר **2.50 זל.**
מאַכע איך די עלעגאַנטסטע
דאַמען - היטע נאָך דער
לעצטער פּאַריזער מאָדע און
די עלטעסטע היטע איבעראַר-
בייטע איך אויף גענצליך ניי.
געדענקט דעם אַדרעס:
23 זאַוואַדזקאַ 23
אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.
בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין
פיינער אויס-
פערטיגונג — **50 פּראָצ.** ביליגער
ווי איבעראַל
„TOLA“

דאַמען-סאַכעוועכעס

פון אַלטע פילק-היט אָהן אונטערשיד מענער-
אָדער דאַמען-היט, מאַך איך די שענסטע פאַ-
סאָנס סאַמעווכעס אין פיינסטער אויס-
פיהרונג צו שטאָט ביליגע פּרייזען.

[illegible]

[illegible]
Redaktor-wydawca B. Hamburski

Drukarnia M. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 55